UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 09 27 06 14 015 1

148

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאלע-ראדיקאלע שולע

YOUNG
ORGANIZ
TORONTO, CANADA

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

שלום עליכם פאלק'ס ביבליאטעק פעראיין
געגרינדעט דעם
4-טען יולי, 1916
טאראנטא - - - קאנאדא

LIBRARY
AUG 1 6 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

# מיין וידוי.

1.

איך בין געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען אין דעם גלויבען פון דער אָרטהאָ־דאָקסישער גריכישער קירכע. דיעזען גלויבען האט מען מיר אונטערריכטעט אין מיין קינדהייט און איך האב איהם שפּעטער געלערענט אלס יונגערמאַן. טראָטץ דעם אָבער, ווען איך בין אלט געוואָרען 18 יאָהר און פערלאָזען דיא אוניווערזיטעט, האב איך ניט מעהר געגלויבט אין קיין זאך וואס מען האט מיך געלערענט.

צו אורטהיילען, פון וויא וויית איך קען געדענקען, האב איך גאר קיינמאל ניט ערנסט געגלויבט אין עפּעס. עס האט געמוזט זיין א מין פערטרויען זיך אין עלטערע מענשען, וועלכע האבען מיר אזוי־און־אזוי געזאגט און איך האב מיך אויף זייא פערלאָזען, אז וואהרשיינליך איז עס אזוי.

איך קען מיך עראינערן אן דער צייט, ווען איך בין געוועזען א אינגעל פון א יאָהר 12, איז צו אונז געקומען אין בעזוך דער סטודענט וולאַדימיר מ— און אונז געבראכט דיא לעטצטע מיטטהיילונג איבער א נייער ענטדעקונג, דאס הייסט, אז עס איז גאר נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, און אלעס וואס מען האט אונז ביז דאמאלס דערצעהלט פון גלויבען, איז נאָר געוועזען א פוסטער חלום. (דאס האט פּאסירט אין יאָהר 1838).

איך געדענק גאַנץ גוט וויא שטאַרק פעראינטערעסירט מיינע עלטערע ברידער זיינען געוועזען אין דיעזע געדאַנקען. זייא האבען מיך אויך אריין גענומען אין קאָהן און מיר דערצעהלט דעם סוד פון דער נייער ענטדעקונג. מיר איז דאס אלעס פאַר־געקומען עפּעס וויא אנציהענד און זעהר וויכטיג, און אויך אלס א מעגליכע וואהרהייט.

איך קען מיך אויך עראינערן אן מיין ברודער דימיטרי, ווען ער האט אָנגע־פאַנגען זעהר פרום צו ווערען, לויט זיין מילדער נאַטור, און ער האט בעזוכט רעגעלמעסיג דיא קירכע, געפאַסט און געפיהרט א ריינעס און מאָראלישעס לעבען —

וויא מיר האבען דאס פון איהם געלאכט און איהם גענומען אויף חוזק. מיר האבען איהם דערפאר א נאמען געגעבען נח. דאן האט פאסירט וואס מוססין־פושקין, דער פערוואלטער פון דער קאזאנער אוניווערזיטעט, האט אונז אלע איינ־געלאדען צו א באלל. מיין ברודער דימיטרי איז אויך געווען אונטער דיא געלאדענע, אבער ער האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט געהען. מוססין־פושקין האט געלאכט פון זיין פרומקייט, און געבראכט א ראיה, אזוי וויא דוד המלך האט זיך געקענט פרעהליך מאכען און טאנצען פאר דעם ארון מיט דיא לוחות, אזוי מעג ער זיך אויך ערלויבען און קומען טאנצען אויף'ן באלל.

מיר איז דאמאלס זעהר געפעלען געווארען אזא וויטץ פון א עלטערען מענשען, און איך האב דערפון געלערענט, אז איך דארף טאקי קענען מיינע געבעטע, געהען אין קירכע, אבער וואס עס אנבעלאנגט מיין רעליגיאן, דארף איך דאריבער גאנץ ערנסט ניט דענקען.

איך געדענק אויך, אז איך האב דאמאלס געלעזען דיא ווערקע פון דעם פראנצויזישען אפיקורס וואלטאר, און זיין אבלאכען פון רעליגיאן, האט מיך מעהר אמוזירט וויא געערגערט.

אויף דיעזער ארט איז דער גלויבען געפאלען אין מיינע אויגען פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר, וויא דער פאל איז און וועט נאך זיין, אונטער מענשען פון איין עהנליכער געזעלשאפט און בילדונג. דיעזע ארט פון גלויבען פאלען, איז אונגעפעהר אזוי: —

מענשען לעבען אויף דער וועלט, אבער זייער לעבען ווערט ניט געפיהרט לויט דיא פרינציפען פון זייער גלויבען. דער גלויבען האט קיין איינפלוס אויף'ן לעבען און מאכט אויך קיין איינדרוק אין דיא בעציהונגען צווישען מענש און מענש. דיא אורזאכע דערפון איז, ווייל כמעט דער גאנצער גלויבען בערוהט אויף גליקען פון יענער זייט שוועל פון קבר און פערגעסט זיך צו רעדען איבער דעם וואס מיר האבען דא צו טהון, אויף דיעזער וועלט. ווען דער גלויבען בעריהרט אפילו אמאל דיעזע וועלט, דאן איז דאס אויף אזוי ווייניג, אז מען דערצעהלט אונז בלויז, דאס דיעזע וועלט איז ניט מעהר וויא איין ענגער קארידאר וואס פיהרט ערשט אויף יענער וועלט.

ווען מיר בעטראכטען א מענשען'ס לעבען, זיינע האנדלונגען און טהאטען, איז עס אונמעגליך צו וויסען גענוי, אויב ער איז א גלויבינער אדער ניט. דער־ ציינער וואס דערצעהלט אויף עפענטליך, אז ער גלויבט אין דער ארטהאדאקסישער קירכע, איז מייסטענטהיילס איינער וואס האט א שוואכען פערשטאנד, א

שטרענגען כאַראַקטער און וועלכער דענקט זעהר פיעל איבער זיין איינענער וויכטיג־קייט. אינטעליגענטע, עהרליכע, אָרענטליכע און גוט־הערציגע, בעגעגענט מען זעהר אָפט אונטער דיא אונגלויביגע.

דאס קינד וואס פאַנגט אָן צו געהען אין שולע, ווערט ער אונטעררריכטעט אין גלויבען און מען שיקט איהם אין דער קירכע; ווען דער מענש ווערט עלטער, פערלאַנגט מען שוין פון איהם א פּאַפּיר וואס זאָל בעשטעטיגע, אז ער איז געוועזען ביים גלח. דאס איז אלץ גערעדט אונטער דיא ניעדריגע. אָבער א מאַן, וואס בע־לאַנגט צו אונזער קלאַסע, בעזוכט ניט אלס קינד דיא שולע און מעג דאַן אויך אויפוואַקסען, אָהנע יעמאַנד זאָל איהם אפילו אמאל דערמאָהנען, אז ער לעבט אונטער קריסטען און ער רופט זיך א מיטגליעד פון דער אָרטהאָדאָקסישער רעגיערונג.

דערפאַר פּאַסירט עס יעטצט, עבען וויא פריהער וואס דער איינפלוס פון פריהען רעליגיעזען אונטעררריכט, אָקצעפּצירט נאָר אויף פערטרויען, און שפּעטער אויפגעצוואונגען, פאַנגט אָן אלץ שוואַכער צו ווערען מיט דער פּראַקטישער ער־פאַהרונג פון דעם שפּעטערדיגען לעבען, וואס איז א ווידערשפּרוך צו אלע פּרינציפּען פון גלויבען. עס פּאַסירט אויך, וואס א מענש רעדט זיך איין, אז דער גלויבען, וועלכען ער האט געלערנט אין זיין יוגענד, איז נאך אזוי שטאַרק וויא געוועזען, וועהרענד אין אמת'ן, איז שוין פון איהם קיין שפּור ניט געבליעבען.

א געוויסער ס—, א קלוגער און אמת'ער מענש, האט מיר אמאל דערצעהלט א געשיכטע וויא אזוי ער האט אויפגעהערט צו גלויבען.

מיט 30 יאָהר צוריק, איז ער ארויס געגאַנגען אויף דער יאגד. אבענד, איידער ער האט זיך געלייגט שלאָפען, לויט זיין געוואָהנהייט פון קינדווייז, פלעגט ער ניעדער קניען און בעטען. זיין עלטערער ברודער, וועלכער איז געוועזען מיט איהם צוזאַמען, האט זיך אוועק געלייגט אויף אביסעל שטרוי, און צו איהם געקוקט. ווען ס— אין פערטיג געוואָרען מיט זיין געבעט און זיך געוואָלט לייגען, האט זיין ברודער בעמערקט:

„וואס, דוא האלטסט נאך אימער דערפון?"

זייא האבען מעהר ניט געשפּראָכען, נאָר פון דאמאלס אָן, האט ס— אויפ־געהערט צו בעטען און געהען אין קירכע. גאַנצע דרייסיג יאָהר, האט ס— קיין גע־בעט געזאָגט, זיך ניט מתודה געוועזען פאַר'ן גלח, און ניט געוועזען אין קירכע. עס איז ניט דערפאַר, ווייל ער האט אזוי געדענקט וויא זיין ברודער, אָדער ער האט נאָר געוואוסט וואס יענער דענקט, זאָנדערן בלויז דערפאַר, ווייל זיין ברודער'ס

w

ווערטער זיינען געוועזן וויא דער שטויס פון א פינגער אויף א וואנד וואס האט שוין געהאלטען אין אומפאלען. דיא עטליכע ווערטער וואס זיין ברודער האט איהם געזאגט, זיינען גענוג געוועזן איהם צו איבערצייגען, אז זיין גאנצער גלויבען ביז דא־מאלס, איז ניט מעהר געוועזן וויא א פוסטע פאנטאזיע, און אלעס וואס ער האט געטהאן צוליעב רעליגיאן, איז געוועזן גאריש און דום. זא שנעל אלזא, וויא ער האט בייא זיך בעשלאסען, אז זיינע רעליגיעזע צערעמאָניען, האבען גאר קיין שכל'דיגע בעדייטונג, האט ער זייא אוועק געווארפען. אזוי איז עס געוועזן, און אזוי איז עס, לויט וויא איך רעכען, מיט א היבשער מעהרצאָהל מענשען.

איך רעדט דא פון מענשען פון אונזער קלאססע, וועלכע ווילען זיך אליין ניט בעטריגען, אָבער ניט פון דיעזע וואס זוכען צו מאכען פון דער רעליגיאן א מיטעל זייא לטובה. (דיעזע מענשען זיינען פאָלקאָמען אונגלויביגע, דען זאלאנג גלויבען איז בייא זייא א מיטעל זיך לטובה, דאן איז דאס גאר קיין גלויבען ניט.)

מענשען פון אונזער קלאסע געפינען זיך אין פאלגענדער לאגע. דיא בעקאנט־שאפט און ערפאהרונג אין טהעטיגעס לעבען האט צערשמעטערט דיא שוואכע געביירע פון גלויבען וואס מען האט אין זייא אויפגעבויעט. זייא שמייסען אלזא ענטוועדער אוועק דיא חורבות פון דער אומגעפאלענער געביידע. אָדער זייא בעקימערן זיך גאר ניט אזוי ווייט אום צו בעטראכטען וואס פאר א חורבה דאס איז.

דער גלויבען, וועלכע איז מיר אריין געשטופט געוואָרען פון קינדוייז אויף, וויא אין פיעלע אנדערע, האט אָנגעפאנגען שטופענווייז צו פערשווינדען, אָבער מיט דיעזער אויסנאהמע, וואס פון מיין 15־טעס יאָהר אָן האב איך אָנגעפאנגען צו לעזען פילאָזאָפישע ווערקע און איך האב צייט געהאט צו בעטראכטען דיא גע־פאלענע געביידע און אוועק שמייסען דיא חורבות.

פון מיין 16־טעס יאָהר אָן, האב איך אויפגעהערט צו בעטען, און אויך אויפ־געהערט, אויס איבערצייגונג, צו בעזוכען דיא קירכע און פאסטען. דער גלויבען פון מיין קינדהייט איז פערשוואונדען, אָבער דאך האב איך אין עפּעס געגלויבט, וועלכעס איך קען אָבער ניט גענוי ערקלערען. איך האב געגלויבט אין א גאָט, בעסער געזאגט אָבער, איך האב ניט אָבגעלייקענט, אז עס איז ניטאָ קיין גאָט; אָבער וואס דיעזער גאָט איז, וואָלט איך ניט געקענט ערקלערען. איך האב ניט געלייקענט אין קריסטוס'ן און ניט אין זיינע לעהרען, אָבער וואס דיעזע לעהרען זיינען, וואָלט איך אויך ניט געקענט ערקלערען.

ווען איך דענק יעטצט צוריק איבער יענעם צושטאנד, דאן בעגרייף איך, אז

איך האב דאמאלס נעגלויבט, אין עפּעס פאָלקאָמענעס, אָבער וואס דאס איז, בין איך ניט אימשטאנדע געווען צו זאגען.

איך האב אונטערדרעסען אָנגעפאנגען צו זוכען פאָלקאָמענהייט אין גייסטינע ענטוויקלונגען: איך האב געשטודירט אַלעס וואס איז מיר נאָר מעגליך געווען; איך האב אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו שטארקען מיין ווילען, אויסשטעלענדיג פאר מיר אליין רעגעלען וואס איך דארף טהון; איך האב געשטרעבט צו ענט־וויקלען מיין קערפּערליכע קראפט דורך איבונג וואס פערשאפט געשיקטהייט און קראפט, און אום זיך צו צוגעוועהנען צו ליידען, האב איך אליין אויף מיר גענומען פערשיעדענע נסיונות און צרות.

איך האב דאס אַלעס בעטראַכטעט אלס א נויטווענדיגקייט צו דער פאָל־קאָמענהייט צו וועלכער איך האב געציעלט. צום אנפאנג, נאטירליך, האב איך געשטרעבט צו מאָראלישער פאָלקאָמענהייט, אָבער איך האב באלד מיך געזעהען פאנטאזירענדיג איבער איין אלגעמיינע פאָלקאָמענהייט. אום מיך בעסער צו ער־קלערען וואס איך האב געמיינט, מוז איך זאגען, אז איך האב ניט גראדע געוואָלט אויסזעהען גוט בייא מיר אָדער בייא גאָט, זאָנדערן איך האב געזוכט געפעלען צו ווערען לייטען.

אָבער דיעזעס געפיהל האט זיך ווידער פערוואנדעלט אין איין אנדערעס, און דאס איז געווען, וואס איך האב געוואָלט בעזיטצען מעהר קראפט און מאכט וויא מוינע מיטמענשען, זיין געעהרט, געאַכטעט, רייך, מעכטיג און שטעהען אן דער שפּיטצע.

## 2.

בייא איין אנדערע געלעגענהייט, וועל איך פיעללייכט דערצעהלען מיין גאנצע לעבענס־געשיכטע, און אָבשילדערן מיין יוגענד מיט אלע איינצעלהייטען. איך צווייפעל ניט, אז פיעלע וועלען אין דעם זעהען א שפּיעגעל פון זיך זעלבסט.

וויא דיא זאך איז, גלויב איך, אז איך האב גאנץ אויפריכטיג געוואָלט זיין א גוטער און עהרליכער מענש. אָבער איך בין געווען יונג, פול מיט תאוות, און בין געשטאנען איינער אליין, ווען איך האב אָנגעהויבען צו זוכען דיא ריינקייט און עהר־ליכקייט.

יעדעס מאל, ווען איך האב געוואָלט אויסדריקען מיין הערצענס־וואונש וואס האט געשטרעבט נאך איין עהרליכעס לעבען, האב איך מיך געזעהען ארום גע־רינגעלט פון אלע זייטען מיט פעראכטונג, שפּאָט און געלעכטער; אָבער אזוי שנעל

וויא איך האב מיך אריין געוואָרפען אין זומפּף פון מיינע ניעדריגסטע תאוות, האט מען מיך געלויבט און ערמוטהיגט דערצו.

זייענדיג פערזונקען אין טיעפען שמוטץ, און ווערענדיג דערזועלבער וויא דיא עלטערע מענשען ארום מיר, האב איך געזעהען, אז מיין לעבען שטעלט גאַנץ צופריעדען דיא געזעלשאַפט אין וועלכער איך האב מיך געפונען.

מיין גוט־הערציגע טאַנטע, ווירקליך א גוטע פרוי, פלעגט מיר זאגען, אז זיא ווינשט איך זאָל מקיים זיין איין זאך איבער אַלעס אַנדערע — איין אינטריגע מיט א פערהייראַטהעטער פרוי. זיא פלעגט זיך אַזוי אויסצודריקען אויף פראַנצויזיש: "Rien ne forme un jeune homme, comme une liaison avec une femme comme il faut." (קיין זאך קען אזוי אויסבילדען א יונגען מאַן, וויא צו שפּיעלען א ליעבע מיט עפּעס א כוואַטסקע נקבה.)

נאָך איין וואונש האט מיין טאַנטע געהאַט פיר מיין גליק, און דאס איז געווען, איך זאָל ווערען איין אדוואָקאַט, און, ווען מעגליך, ביים קייזער אַליין. נאָר איהר העכסטער וואונש איז געווען, איך זאָל קריעגען א רייכע כלה, וועלכע זאָל מיר ברענגען א גרויסען נדן און מיך בעזאָרגען מיט א גרויסען אַנצאָהל שקלאַפען.

איך קען מיך גאר ניט ערא־נערן אן יענע צייטען, אָהנע איך זאָל דערביי שפּירען א שמערצהאַפטעס געפיהל פון אבשייליכקייט און פעראַכטונג.

איך האב געמאָרדעט מענשען אין קריעג, איך האב געקעמפּפט דועלען אום אנדערע צו טויטען, איך האב פערשפּיעלט געלד אין קארטען, פערלומפּט מיין פערמעגען וואס איז געקומען פון דעם בויערן־שווייס, געמאַרטערט און געפלאָגט דיא בויערן, בעגאַנגען דיא שמוטציגסטע ניעדערטרעכטיגקייטען מיט אונגליקליכע פרויען־צימער, און איך האב בעטראָגען מענער.

ליעגען זאָגען, רויבען, ניאוף פון יעדער ארט, שיכרות, פערגוואַלטיגונג, און מאָרד, אלעס האב איך בעגאַנגען, קיין פערברעכען האב איך א־יגעפעהלט, און טראָטץ דעם אַלעמען בין איך דאָך בעטראַכט געוואָרען פון מיינע מיט־מענשען אַלס א גאַנץ מאָראַלישער מענש. אזא לעבען האב איך אָבגעפיהרט וועהרענד א צייט פון 10 יאָהר.

אין יענער צייט האב איך אָנגעפאַנגען צו שרייבען, וועלכעס איז געקומען פון נארישעס פערגניגען, ליעבע צו געלד און שטאָלץ. איך בין געווען דאסזעלבע אלס שרייבער וויא אַלס פריוואט מענש. אום צו קריעגען עהרע און געלד פיר וועלכען

איך האב געשריעבען, בין איך געצוואונגען געווען צו בעהאלטען אלעס גוטע אין מיר און זיך בוקען פאר שלעכטעס.

וויא אָפט, וועהרענד איך האב געשריעבען, פלעג איך פעריאָגען פון מיין געהירן יעדען עדעלען געדאנק און איהם פערבייטען אויף דער ניעדרינסטער שילדערונג! דיעזע ארבייט איז מיר געלונגען און מען האט מיך דערפאר געלויבט.

ווען איך בין אלט געוואָרען 26 יאָהר און דער קריעג האט זיך געענדיגט, בין איך געקומען נאך סט. פעטערסבורג, וואו איך האב בעקאנטשאפט געשלאָסען מיט דיא דאמאליגע בעריהמטע פערפאסערס.

מען האט מיך זעהר שעהן עמפפאנגען און מיך געשמייכעלט פון אלע זייטען.

נאך איידער איך האב צייט געהאט זיך רעכט ארום צו קוקען וואו איך בין אין דער וועלט, האב איך מיך דערווייל צוגעוואָהנט צו דעם פערדאָרבענעם לעבען פון דיא פערפאסערס, און דערמיט האט גענומען א סוף צו מיינע שטרעבונגען צו ווערען א בעסערער מענש.

דיא אנזיכטען פון דיא פערפאסערס איבער דעם לעבען, זיינען געווען אזוי: זייא האבען בעטראכטעט דאס לעבען אלס איין ענטוויקלונג, און דיא הויפט־ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון לעבען, שפיעלען זייא, דיא דענקערס, און אונטער דיא דענקערס געפינען זיך דיא דיכטערס, וועלכע האבען דעם הויפט איינפלוס. אונזער אויפגאבע — דאס הייסט פון דיא פערפאסערס, — איז אלזאָ געווען, צו בעלעהרען דיא וועלט.

דיא פראגע וואס יעדער פערפאסער דארף זיך שטעלען: „וואס וויים איך און וואס קען איך יענעם לערנען?" האט מען אויסגעמיעדען. אזעלכע פראגען זיינען געווע איבריג, לויט זייער בעהויפטונג, זאָנדערן, זייא האבען געזאגט, אז יעדער דענקער און דיכטער לערענט עפעס זיינע מיטמענשען אָהנע ער זאָל עס אפילו בעאבזיכטיגען צ טהון.

איך אליין בין בעטראכטעט געוואָרען אלס א געוואלטיגער ליטעראַט און דיכטער, און פאָלגליך האב איך מיר אויך ניט בעדארפט שטעלען דיא גענאנטע פראגע.

אין דערזעלבער צייט אָבער, טראַכטין דעם וואס איך בין געווען אי א דענקער אי א דיכטער, האב איך געשריעבען און געלערענט אנדערע וואס איך האב אליין ניט פערשטאנען. פאר דיעזער ארבייט האב איך געקריענען גרויסע סומען

נעלד; איך האב נעגעסען דאס שענסטע און בעסטע, געוואָהנט גרויסארטיג, זיך צוזאמען געקומען מיט אויסגעלאַסענע פרויע׳, און איך האב עמפּפאנגען מיינע פריינדע וויא עס האט געפּאסט פאר אזא גרויסען מאכער וויא איך בין געווען. הויפטזעכליך, האב איך געהאט עהרע פון איבעראל.

עס האט מיר אַלזאָ דאמאלס אויסגעזעהען, אז וואס איך האב געלערענט אנדערע, איז געווען גאנץ גוט, און איך בין איינער פון דיא כהנים גדולים אין טעמפּעל פון דענקען אין דיכט־קונסט. איך אַליין האב ווירקליך אזוי געדענקט א היבשע צייט.

אין צווייטען, און איבערהויפּט אין דריטען יאָהר פון דיעזען ארט לעבען, האב איך אָנגעפאנגען צו צווייפלען אין דיעזען גלויבען פון מיין אונפעהלבארקייט, און איך האב אויך אָנגעפאנגען מיך זעלבסט צו עקזאמינירטען. דער ערשטער פּונקט וואס האט צוגעצוינגען מיין אויפמערקזאמקייט, איז געווען וואס דיא כהנים גדולים אַליין אין טעמפּעל פון דענקען און דיכט־קראפט, האבען אונטער זיך זעלבסט ניט געקענט איינשטימען.

מאנכע האבען בעהויפּטעט, אז זייא אַליין זיינען דיא גוטע לעהרער פון פאָלק און אַלע אנדערע טויגען אויף כפּרות; דיא אנדערע וויעדער האבען איבער זיך אויך געזאגט דאסזעלבע. מען האט זיך מתוכח געווען, זיך געקריעגט, בעליידיגט, אָבגענאַרט און בעטראגען איינער דעם צווייטען.

איבערהויפּט זיינען געווען מאנכע אונטער אונז, וועלכע האבען זיך גאנץ ווייניג בעקימערט איבער דעם וואס איז רעכט און אונרעכט, און זייא האבען בלויז געזאָרגט פיר זייערע אייגענע פּריוואט אינטערעסען. דאס אַלעס צוזאמען, האט מיך גע־צוואונגען צו צווייפלען אויב מיר ברענגען אַלע צוזאמען עפּעס נוטצען.

צווייפלענדיג אין דעם גוטען איינפלוס פון דיא ליטעראטען, האב איך אָנגע־פאנגען צו שטודירען זייערע כאראקטערע, און איך האב מיך איבערצייגט, אז דיעזע שרייבער זיינען אַליין זעהר אונמאָראלישע מענשען. מייסטענטהיילס פון זייא, זיינען געווען גאנץ ניכטסווירדיגע און אונבעדייטענדע מענשע׳, און זייא זיינען געשטאנען פיעל ניעדריגער מאָראליש אַלס מיינע געוועזענע אויסגעלאַסענע חברים בשעת איך בין געווען א סטודענט. דיעזע ליטעראטען וויעדער, האבען אזוי ווייט געשטעלט אויף זיך, אז זייא האבען אויסגעזעהען ענטוועדער וויא הייליגע, אָדער אַלס אַזעלכע בייא וועלכע הייליגקייט איז א פּוסטער חלום.

עס האט מיך אָנגעהויבען צו עקלען דיא גאנצע מענשהייט און איך האב מיך זעלבסט פעראכטעט; און איך האב מיך איבערצייגט, אז איך האב ביז דאמאלס

געלעבט אין א גרויסען טעות. דאס מערקווירדיגע אָבער בייא דעם אלעמען איז געווען, וואס טראָטץ דעם וואס איך האב איינגעזעהען דעם טעות און דיא פאלש־קייט, האב איך דאָך פאָרטגעזעטצט צו פיהרען דאסזעלבע לעבען וויא פריהער; איך האב מיך נאך אימער גערופען א דענקער, א דיכטער און א לעהרער.

איך בין געווען נאריש גענוג צו רעכענען, דאס איך, דער דיכטער און דענקער, בין אימשטאנדע צו לערנען אנדערע מענשען וואס איך אליין קען ניט.

פון דער בעקאנטשאפט מיט דיעזע מענשען, האב איך מיר בלויז אָבגע־שפארט א נייע שלעכטע טבע: עס האט זיך אין מיר ענטוויקעלט א גרויסער שטאָלץ און א פערטרויען אויף מיר זעלבסט צו לערנען אנדערע פון וועלכע איך האב קיין אהנונג געהאט. דיעזע אבשייליכע טבע האט אזוי געוואקסען אין מיר, דאס עס האט מיך באלד געטריעבען צו משוגעת.

ווען איך דענק יעטצט איבער יענער צייט און איך עראינער מיך אן דעם דאמאלינען צושטאנד פון מיין געהירן, (עס איז נאך יעטצט אויך דיעזעלבע מכה מיט טויזענדער), דאן רעגט דאס אזוי אויף מיינע געפיהלע, אז איך שפיר מיך אין איין עהנליכער לאגע וויא א מענש וואס ווערט דורכגעפיהרט דורך א הויז מיט משוגעים.

מיר זיינען דאן אלע געווען איבערצייגט, אז פאר אונז פאסט צו רעדען, שרייבען און דרוקען אזוי שנעל און אזוי פיעל וויא מיר קענען, און דאס אלעס וועט גליקליך מאכען דיא מענשהייט.

הונדערטער פון אונז האבען געשריעבען, געדרוקט און געלערענט, און אין דערזעלבער צייט, האט זיך איינער דעם אנדערן בעליידיגט און ווידער־שפראָכען.

זייענדיג פאָלקאָמען איבערצייגט, אז מיר אליין וויסען גאר ניט, און אויף דער אייגפאכסטער פראגע — דער אונטערשיעד פון רעכט און אונרעכט — האבען מיר קיין ענטפער, האבען מיר דעננאך אויף איינער דעם אנדערן געלויבט, געריהמט און געשמייכעלט, און דאן בעשמוטצט, בעליידיגט און געזידעלט — מיט איינעם וואָרט, מיר האבען פאָרגעשטעלט א פאָלקאָמענעס אירדענהויז מיט א באנדע משוגעים.

הונדערטער פערמאטערטע ארבייטער, האבען געארבייט טאָג און נאכט, צו־זאמען שטעלענדיג בוכשטאבען, דרוקענדיג מיליאָנען זייטען אום פערברייטעט צו ווערען דורך דער פאָסט איבער גאנץ רוסלאנד, און מיר האבען פאָרטגעזעטצט צו לערנען און אונטעררינכטען, און זיך אויף בעקלאגט אין דערזעלבער צייט, אז מיר

האבען ניט נענוג צוהערער. דאס איז געווען א מערקווירדיגער צושטאנד, נאָר יעטעצט איז אלעס דייטליך גענוג.

דיא ריכטיגע אורזאַכע וואס עס האט אונז אלע אזוי בעגייסטערט אום מזכה צו זיין דיא וועלט מיט אונזערע יאָלעווע חכמות, איז נאר געלעגען אין דעם וואונש צו קריגען געלד און עהרע, און אום דאס קריגען, האבען מיר קיין אנדערן אויס־וועג געזעהען, וויא צו שרייבען ביכער און צייטונגען.

אום זיך אליין צו גערעכטפערטיגען פאר דעם ריינעם געוויסען וואס האט זיך צייטענווייז ערוועקט אין מאנכע פון אונז, האבען מיר אויסגעטראַכט פאָלגענדען פזמון: אלעס וואס עקזיסטירט, איז רעכט; אלעס וואס ער געפינט זיך, בעלאַנגט צו דער ענטוויקלונג, און דיא ענטוויקלונג ווידער איז א קרובה מיט דער ציוויליזאַ־ציאָן; אום צו וויסען וויא הויך דיא ציוויליזאציאָן שטעהט, דארף מען נאָ־ קוקען אויף דער צאָהל ביכער און צייטונגען וואס ערשיינען; אונז בעצאָהלט מען און מען עהרט אונז פיר דיא ביכער און צייטונגען וואס מיר שרייבען, און פאָלגליך זיינען מיר דיא ניצליכסטע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

דיעזע זעלבסט־גערעכטפערטיגונג וואָלט שוין געמאכט א סוף פון אונזער צווייפעל אין פראגען, ווען מיר וואָלטען אלע דאריבער איינגעשטימט, נאָר אזוי וויא דיא בעהויפטונג פון איינעם איז קיינמאל ניט גלאט אזוי אקצעפטירט געוואָרען, און עס האט זיך אימער געפונען איין אנדערער וואס זאָל זאגען אַקוראט פערקעהרט, האבען מיר אליין ניט געוואוסט וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט.

נאָר דאס איז געווען א קלייניגקייט. ווען קימערט דאס וואס ליטעראַטען קענען צווישען זיך ניט איינשטימען? דיא הויפטזאך איז געווען, וואס מיר האבען געקריגען געלד, מען האט אונז געלויבט און געריהמט, אָדער, בעסער געזאגט, יעדען'ס אנהענגער האבען געלויבט זייער ליעבלינג, און, פאָלגליך, האט יעדער פון אונז, פיר זיך, געהאט רעכט.

איך בעגרייף עס יעטצט פאָלקאָמען, אז צווישען אונז ליטעראַטען און דיא משוגעים פון איין אירדענאניסטאלט, איז גאר קיין אונטערשיעד ניט געווען: איך האב אפילו דאמאלס אויף אביסעל דאריבער געדענקט, נאָר אזוי וויא יעדער מיטגענער, האב איך דאן גערעכענט אלעמען פאר משוגע, בלויז מיך אליין פאר קלאָר.

3.

איך האב אזוי אָבגעלעבט נאך זעקס יאָהר, ביז צו מיין האָבצייט. וועהרענד דיעזער צייט, האב איך בעזוכט אויסלאַנד. מיין לעבען אין אייראָפּא און מיין בע־קאַנטשאַפט מיט פיעלע בעריהמטע אויסלענדישע געלעהרטע, האט בעשטעטיגט מיין טהעאָריע פון אלגעמיינער פאָלקאָמענהייט. דאס איז געווען דערפאר, ווייל איך האב אויסגעפונען, אז אזוי איז עס, זאָנדערן דערפאר, ווייל זייא האבען אויך אזוי גערעכענט. עס איז ווידער געווען א מין פערטרויען אויף יענעם, וויא מיט גלויבען.

דער גלויבען אין אלגעמיינער פאָלקאָמענהייט, האט מיך אָנגעהויבען שטארק צו פעראינטערעסירען, גראדע וויא דער פאל איז דאמאלס געווען מיט פיעלע גע־בילדעטע מענשען. אום אלעס צו ערקלערען קורץ, מוז איך זאגען, אז איך האב געמיינט גלייך מיט אנדערע, דעם „פּראָגרעסס," דעם פאָרטשריט צו פאָלקאָמענ־הייט. ווענינגסטענס איז מיר דאמאלס ערשיענען דאס וואָרט „פּראָגרעסס", אלס דאס פאסענדסטע פיר דער גאנצער טהעאָריע.

דיא פראגע: „וויא אזוי זאל איך פערבעסערן מיין אייגענעם לעבען?" האב איך ניט געקענט בעענטפערן, און איך האב מיך בלויז בעשעפטיגט דערמיט, דאס איך מוז לעבען אום צו פערבעסערן דיא וועלט. וואס פערבעסערן? ועמען פערבעסערן? וויא אזוי פערבעסערן? דאס אלעס האב איך ניט בעגריפען, נאָר איך האב מיר געטראכט, אז וואהרשיינליך וועל איך שוין טהון וואס עס איז נעטהיג. מיר קומט עס פאָר וויא א מאַן, וואס איז געזעסען מיט נאך א מאן אויף א שיפעל און דיא וועללען האבען דאס געטראָגען. וואוהין רודערן מיר?" פרעגט איינער. „מיר רודערן און מיר וועלען שוין וואהרשיינליך אירגענדוואו אָנקומען."

זייענדיג אין פאריז, אין מיטעלפונקט פון ציוויליזאציאָן, האב איך ערפאהרען וויא פאלש אונזער בעגריף איז איבער פאָרטשריט. איך האב דאמאלס בייגעוואוינט דיא הינריכטונג פון א מענשען. ווען איך האב געהערט דעם קלאפ וויא דאס מעסער איז געפאלען, וויא דער קאָפּ איז אָבגעטהיילט געוואָרען פון דעם קערפער, האב איך פערשטאנען, ניט נאָר מיט מיין שכל, זאָנדערן מיט מיין גאנצער עקזיס־טענץ, אז קיין זאך אין דער וועלט קען רעכטפערטיגען אזא טהאט. איך האב פער־שטאנען, דאס קיין עטאבלירטע אָרדנונג, קיין פראָגרעס, קיין ציוויליזאציאָן, האט א רעכט צו בערויבען דאס לעבען פון א מיט־מענשען; איך האב פערשטאנען, דאס ווען דיא גאנצע וועלט מענשען, זייט דיא וועלט איז געשאפען געוואָרען, זאָלען

בעהויפטען, אז אזא טהאט איז רעכט און נויטוועגדיג, איז עס פאלש, נעמיין און אונריכטיג! איך האב פערשטאנען, אז ניט דאס וואס אנדערע זאגען און בע־הויפטען איז גוט און רעכט, זאנדערן וואס מיין הארץ פיהלט, דאס איז עהרליך און גערעכט.

נאך א ביישפיעל איז מיר פארגעקומען צו בעשעפטיגען, אז מען דארף ניט אויפשטעלען דעם אבערגלויבען פון פראגרעס אלס א רעגעל און לעבען. דאס איז געוועזען דער טויט פון מיין ברודער. ער איז קראנק געווארען, ווען ער איז געוועזען נאך גאנץ יונג, געליטען גרויסע שמערצען א גאנצעס יאהר, און איז געשטארבען אין שרעקליכע מארטערנים. ער איז געוועזען זעהר א פעהיגער מענש, מיט א גוטעס הארץ, און פון איין ערנסטען כאראקטער, אבער ער איז געשטארבען אהנע צו בע־גרייפען צו וועלכען צוועק ער האט געלעבט, אדער וואס פאר א בעדייטונג דער טויט האט פיר איהם.

קיינע טהעאריען האבען מיר אדער איהם געקענט געבען איין ענטפער אויף דיעזע אלע פראגען, וועהרענד דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט. דיא פראגע: „וואס איז לעבען?" און דיא פראגע: „וואס איז טויט?" זיינען געבליעבען פראגען, און אלעס וואס איך האב געקענט דענקען דאריעבער איז געוועזען: „עס וועט זיך מאכען וואס פריהער אדער שפעטער וועל איך קריעגען איין ערקלערונג דא־ריעבער."

ווען איך בין צוריק געקומען פון אויסלאנד, האב איך מיך בעזעטצט אויף'ן לאנד, און זיך אנגעפאנגען צו ביעשעפטיגען מיט עררירכטען שולען פיר דיא בויערן. דיעזע בעשעפטיגונג איז מיר געוועזען אנגענעהם, ווייל דאס האט אין זיך ניט געהאט דעם גייסט פון נאדען און בעטריגען, צו וועלכען איך האב מיך אזוי שטארק צוגע־וואהנט זייענדיג א ליטעראט.

אבער דא האב איך געהאנדעלט אין נאמען פון פראגרעס, נאר דיעזעס מאל האב איך שוין אנגעווענדעט אביסעל א קריטישע אונטערזוכונג איבער דעם וואס איך טהו. איך האב אזוי געזאגט: פראגרעס אליין, איז ניט אזוי שלעכט, נאר ער ווערט זעהר אפט פערווענדעט ניט אויף'ן ריכטיגען פלאטץ און ניט וויא עס דארף זיין, און וואס עס אנבעלאנגט דיא בויערן, איז עס גאנץ גוט זייא צו לערנע; און אונטערריכטען, נאר זייערע קינדער דארף מען לאזען גאנץ פרייא זיך צו וועהלען וואס פאר א פראגרעס עס פאסט פיר זייא אמבעסטען.

אין דער וואהרהייט געשפראכען אבער, בין איך נאך אימער געוועזען בעשעפ־טיגט מיט דער פראגע יענעם צו לערנען, אהנע צו וויסען וואס מען דארף לערנען.

אין הויכער ליטעראטור, האב איך מיך איבערציינט, אז יעדער לערענט פערשיעדען, און איין ארט לערנען פאסט זיך צום צווייטען וויא איין ארבעס אן וואנט, און דיא ליטעראַרישע לעהרער נעביך, געבען זיך דיא גרעסטע מיה צו בעהאלטען זייער אייגענע אונוויסענהייט.

אָט דאס האב איך שוין אביסעל פערשטאנען, און זעהענדיג פאר מיר בויערן קינדער, האב איך בעשלאָסען: זייא צו לאָזען לערנען וואס זייא ווילען. איך קען מיך ערא׳נערן וויא איך האב דאמאלס געזוכט עפעס ניטצליכעס. צום לערנען און דאס פאַרלענגען פאר דיא קינדער זייא זאָלען זיך אויסקלייבען וואס זייא ווילען, נאָר דער סוף איז געווען, וואס איך האב מיר געמוזט אליין מודה זיין, אז איך וויים גאר ניט וואס עס הייסט ניטצליכעס צום לערנען און וואס מען בענעטהיגט צו קענען.

נאכדעם וויא איך האב מיך בעשעפטיגט א יאָהר מיט דיא שולען, בין איך ווידער אוועק געפאָהרען נאך אויסלאנד, מיט דער אבזיכט אויסצוגעפינען וואס מען דארף אונטערריכטען דיא בויערן קינדער.

איך האב געגלויבט, אז אין אויסלאנד האב איך שוין געקריגען איין ער־קלערונג דאריעבער, און זייענדיג דאריעבער האלב איבערציינט, האב איך צוריק געקעהרט נאך רוסלאנד, אין דעמזעלבען יאָהר וואס מען האט בעפרייעט דיא בויערן פון שקלאפעריא. איך האב איבערגענומען דאס אמט פון א דאָרפס־ריכטער אָדער בורר, און איך האב אָנגעפאנגען צו לערנען דאס אונגעבילדעטע פאָלק אין ד א שולען, און דיא געבילדעטע האב איך געלערענט אין דיא צייטונגען וואס איך האב ארויס געגעבען.

אַלעס האט אויסגעזעהען צו געהען גאנין גוט, נאָר מיט מיין געוויסען בין איך ניט געווען צופריעדען און עפעס א וועקסלונג אין מיין דענקען האט זיך דער־נעהנטערט.

איך וואָלט דאמאלס געגרייכט א שטופע פון פערצווייפלונג, וויא דער פאל איז געווען מיט 15 יאָהר שפעטער, אָבער עפעס א נייע ערפאהרונג אין לעבען האט מיך דערפון געראטעט — עס איז געווען דיא הייזאטה און דאס פאמיליען־לעבען פון א פערהייראטעטען מאן.

א יאָהר דורכאנאנד האב איך מיך בעשעפטיגט מיט דיא פליכטען אלס בורר, מיט דיא שולען, מיט דיא צייטונגען, און איך האב מיר אזוי פערדרעהט מיין קאָפּ, אז עס האט מיך געערגערט ביז טויט. מיין בוררות איז געווען איין אונ־אונ־טערבראָכענער קאמפף ; וואס איך זאָל טהון מיט דיא שולען, האב איך פון טאָג צו טאָג אלץ ווייניגער געוואוסט, און מיין דומע צייטונג־שרייבערייא האט מיך

יעדעס מאל אלץ מעהר נעעקעלט. יא, עס איז נעוועזן דערזעלבער צושטאנד וויא אמאל: איך האב געוואָלט לערנען אנדערע און איך האב אליין גאר ניט פערשטאנען. אויף דיעזער ארט בין איך קראנק געוואָרען, מעהר גייסטיג וויא קערפערליך, און איך בין אוועק אויף דיא סטעפעס, איינצואטהמען פרישע לופט, טרינקען מילך פון שקאפעס און פיהרען א טהיערישעס לעבען.

באלד וויא איך האב צוריק געקעהרט, האב איך געהייראטעט. דיא נייע צושטענדען פון א גליקליכעס פאמיליען־לעבען, וועלכעס האט מיך ארום גערינגעלט, האט מיך גענצליך ארונטער געפיהרט פון דעם וועג אויף וועלכען איך בין פריהער געגאנגען, און איך האב אָנגעפאנגען צו זוכען א בעדייטונג און איין ערקלערונג איבער אלעס וואס רופט זיך לעבען.

פאר אלעמען, האט זיך מיין גאנצעס לעבען פעראינטערעסירט אין מיין פרוי און קינדער, און דאן האט געפאָלגט דיא זאָרג צו פערגרעסערן מיין פערמעגען. דער פריהעריגער קאמפף פיר פערזענליכער פאָלקאָמענהייט, דאן דער וועקסעל פיר אלגעמיינעם פראָגרעס, האט זיך וויעדער פערוואנדעלט אין א שרייבונג גליקליך צו מאכען בלויז מיין אייגענע פאמיליע.

אויף דיעזער ארט זיינען פאָראיבער 15 יאָהר.

אונגעאכטעט דארויף, וואס איך האב וועהרענד דיעזע 15 יאָהר געקוקט אויף דער פּראָפעסיאָן פון פערפאסערייא אלס ניט זעהר לויבענסווערטה, האב איך דעננאך ניט אויפגעהערט צו שרייבען.

איך האב דורכגעמאכט דיא בעצויבערונג פון זיין א פערפאסער, דיא נסיונות פון קריעגען א סך געלד און א גרויסען אפּלאָדיסמענט פאר ווערטהלאָזע ווערקע, און איך האב מיך איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צור פערבעסערונג פון מיין מאטעריאלער לאגע. דערבייא אָבער, האב איך אויך דערשטיקט יעדעס געפיהל וואס האט זיך אין מיר ערוועקט און מיך געפּרעגט אויף איין ערקלערונג איבער מיין אייגענעס לעבען און איבער דעם לעבען פון דער אלגעמיינע געזעלשאפט.

אין מיינע שרייבערייען האב איך געלערענט אנדערע, וואס מיר איז ערשיענען אלס דיא איינציגע וואהרהייט, און דאס איז, אז דער גאנצער פרינציפּ אין לעבען בעשטעהט אין דעם גליק פון זיך אליין און דיא אייגענע פאמיליע.

נאך דיעזער רעגעל האב איך געלעבט. אָבער מיט 5 יאָהר צוריק, האט אָנגעפאנגען זיך צו דרעגגען א שרעקליכע מרה־שחורה איבער מיר. איך האב געהאט מאָמענטען פון שווינדעלהאפטער שרעק און פון גרויסער פערצווייפלונג, ווייל

איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל טהון און וויא אזוי איך זאל ווייטער לעבען.

איך האב אנגעפאנגען צו וואנדערן און בין געווארען איין אפפער פון ווילדע מחשבות. אבער דאס איז אויך פאראיבער, און איך האב פארטגעזעצט מיין לעבען וויא פריהער. שפעטער האט זיך אבער דיא שוידערהאפטע שרעק מיט דער מרה־שחורה צוריק געקעהרט עפטער, און מיט דער צייט איז דאס אלץ שרעקליכער געווארען.

ווערענד אזא אנפאל, פלעגען זיך אין מיר דרינגען דיא פראגען: „ווארום איז דאס אלעס?“ „און וואס וועט זיין נאכדעם וויא דוא וועסט אויפהערען צו לעבען?“

אנפאנגס האט זיך מיר געדאכט, אז דיעזע זיינען לעערע און אונבעדייטענדע פראגען, און אלעס איבער וואס זייא פרעגען, איז שוין לאנג בעענטפערט, און ווען איך גראדע וויל האבען איין ענטפער דאריבער, קען איך איהם געפינען גאר אהן פיעל מיה — אבער איך האב ניט געהאט קיין צייט דאפיר.

נאר דיעזע פראגען האבען זיך געדרענגט יעדעס מאל אלץ מעהר און מעהר, פערלאנגענדיג אונבעדינגט איין ענטפער, און מיך טרייבענדיג אין פינסטערע און שוידערהאפטע פלעטצער.

עס איז מיט מיר געוועזען דערזעלבער פאל, וויא מיט אירגענד א פערבארגענע און טעדטליכע קראנקהייט — אנפאנגס האבען זיך געצייגט דיא סימפטאמען גאנץ לייכט אום צו וועיזען וואו דיא קראנקהייט ליעגט, ווען דער פאציענט קימערט זיך נאך ניט פיעל דאריבער, און שפעטער זיינען זייא געקומען עפטער, ביז זייא ענדיגען אין איין אונ־אונטערבראכענעם ליידען.

דיא ליידען פערגרעסערן זיך, און דער פאציענט, נאך איידער ער האט צייט צו זוכען א רפואה, זעהט ער זיך פלוצלינג פנים־אל־פנים מיט'ן טויט.

דאס איז אקוראט וואס האט פאסירט מיט מיין גייסט. איך האב מיך איבערצייגט, אז דאס איז ניט בלויז א פאראיבער געהענדע גייסטיגע קראנקהייט, און דיא סימפטאמען זיינען זעהר וויכטיגע. נאך מעהר, דאס ווען דיעזע פראגען וועלען זיך טאקי אלץ אזוי האלטען אין דרינגען, דאן מוז איך אונבעדינגט קריעגען א קלארען ענטפער אויף זייא.

איך האב פראבירט צו בעענטפערן דיא פראגען. אנפאנגס האט מיר יעדע פראגע אויסגעזעהען אזוי נאריש, אזוי איינפאך און אזוי קינדיש, אז איך האב באלד געוואלט נאר אויפהערען צו דענקען דאריבער, אבער זא שנעל וויא איך האב

געוואָלט בעענטפערן, האב איך מיך איבערציינגט, אז זייא ענטהאַלטען דיא העכסטע געהיימניסע פון לעבען, און מיט אלע מיינע חכמות, ווייס איך ניט צו געבען דיא מינדעסטע ערקלערונג דאריעבער.

איידער איך האב מיך גענומען ווייטער בעשעפטיגען מיט דער פיהרונג פון מיין גוט, מיט דער בילדונג פון מיין זוהן און מיט שרייבען ביכער, האב איך נאך איינגעזעהען, אז איך מוז האבען איין ענטפער אויף דיא פראגען. איך האב געמוזט בעגרייפען דיא אורזאכען פון מיינע טהאטען, זאָנסט האב איך ניט געקענט ווייטער לעבען.

דענקענדיג איבער דער פיהרונג פון מיין גוט און פון מיין הויז, (וואס האט אין יענע צייטען פיעל געדויערט,) איז מיר אריין פאָלגענדע פראגע אין קאָפּ: „יעטצט האב איך שוין זעקס טויזענד דעסיאטינס ערד אין דער סאמארער גובערניע, און דרייא הונדערט פערד — אלזאָ, וואס ווייטער?“ איך בין געוועזען פער־צווייפעלט און ניט געוואוסט צו וואס איך זאָל מיך פריהער נעהמען.

דענקענדיג איבער דער אויסבילדונג פון מיינע קינדער, איז מיר איינגעפאלען דיא פראגע: „ווארום? צו וועלכען צוועק?“ טראכטענדיג איבער דיא מיטלען וויא אזוי צו העלפען דעם פאָלק, האב איך פלוצלינג אויסגעשריען: „און וואס קימערט דאס מיך?“

זיך דערמאָהנענדיג איבער דער עהרע וואס מיינע ביכער האבען מיר פער־שאפט, פלעג איך צו מיר אליין זאגען: „גוט, וואס וועט אלזאָ ווערען ווען דוא זאָלסט זיין אזוי בעריהמט וויא גאָגאָל, פושקין, שעקספיער, מאָליער — מיט איינעם וואָרט, מעהר וויא אלע שרייבערס אין דער וועלט — און וואס ווערט דערפון?“ איך האב מיר דיא פראגע ניט געקענט בעענטפערן.

אזעלכע פראגען בענעטהיגען איין ענטפער, און ער מוז זאָפאָרט געגעבען ווערען. אָהן איין ענטפער קען מען ניט לעבען, אָבער קיין ענטפער האב איך דאָך ניט געהאט.

## 4.

מיין לעבען איז וויא געענדיגט געוואָרען אויף איינמאל. איך האב געקענט אטהמען, עסען, טרינקען און שלאָפען. דאס האב איך געמוזט טהון, אָבער דיא וואהרהייט, אז טראָץ דעם אלעמען, איז אין מיר קיין לעבען ניט געוועזען.

איך האב אין מיר ניט געהאט קיין איינציגען וואונש צו שטרעבען און ער־פיללען מיינעם א געפיהל וואס האט זיך פאָרגעשטעלט אלס גאנץ פערנינפטיג.

ווען עס האט זיך מיר עפּעס געוואָלט, האב איך געוואוסט פאָראויס, אז שוין נאכ־דעם וויא איך וועל האבען ערפיללט מיין וואונש, וועט אויך גאר ניט ווערען און איך וועל אימער בלייבען אונצופריעדען.

ווען עפּעס א גוטער גייסט וואָלט דאמאלס ערשיענען און מיר אָנגעבאָטען אלעס וואס איך האב געקענט ווינשען, וואָלט איך אויך ניט געקענט זיין צו־פריעדען.

אין מיין אויפרעגונג האב איך נאטירליך געהאט ווינשונגען, וועלכע זיינען געווען א רעזולטאט פון פריהעריגע געוואָהנהייטען; ווען מיין אויפרעגונג איז פאָר־איבער, האב איך געוואוסט, אז דאס אלעס איז געווען א פּוסטע פאנטאזיע און איך האב מעהר קיין איינציגען וואונש געהאט. איך האב מיר אפילו ניט געקענט ווינשען צו וויסען דיא וואהרהייט, ווייל איך האב מיר געקענט עפּעס פאָרשטעלען וואס דיא וואהרהייט איז, און אויך דאס האט מיך ניט אינטערעסירט.

דיא וואהרהייט איז געלעגען אין דעם, אז דאס לעבען האט פאר מיר קיין בעדייטונג. יעדער טאָג פון מיין לעבען, יעדער שריט אין לעבען, האט מיך אלץ נעבראכט נעהנטער צום אבגרונד, וויא איך האב געקענט זעהען וואס פאר א סוף עס וועט פון מיר נעהמען.

שטעהען בלייבען, צוריק געהען, איז געווען אונמעגליך; איך האב אויך ניט געקענט צו מאכען מיינע אויגען איך זאָל ניט זעהען וואס מיך ערווארטעט. טויט, פערניכטונג, א גרויסער גאר ניט, דאס האט געשוועבט פאר מיר שלאָפענדיג און וואכענדיג.

אויף דיעזער ארט, האב איך, א געזונדער און גליקליכער מענש, איינגעזעהן, אז איך האב ניט פאר וואס צו לעבען, און איין אונבעשטרייטבארע קראפט ציהט מיך צום קבר.

איך מיין דערמיט ניט צו זאגען, אז איך האב געהאט איין אבזיכט צי בע־געהען זעלבסטמאָרד, נאָר דיא קראפט וואס האט מיך געצויגען פון דעם לעבען, איז געווען גראדע אזוי שטארק, וויא יענע פריהערינע קראפט וואס האט מיך אמאל געצויגען צום לעבען. דיא אידעע צו בעגעהען זעלבסטמאָרד, איז אלזאָ צו מיר גע־קומען גראדע אזוי נאטירליך, וויא דיא אידעע צו פערבעסערן מיין לאגע, איז פריהער ערשיענען. דער טויט האט פאר מיר געהאט אזא געוואלטיגע אנציהונג, אז איך האב מיך געמוזט אליין אָבנארען, אום, וויא עס איז, ניט צו האנדלען איבער־איילט.

אז איך האב געוואָלט אויפהערען צו לעבען, איז קיין צווייפעל, נאָר איך האב מיך ניט געוואָלט איילען, און מיין אבזיכט איז געווען פריהער צו פערטרייבען דיא פערווירונג פון מיין געהירן, און אזוי שנעל וויא איך וועל פערטיג ווערען דערמיט, זאָל איך מיך באלד הרג'ענען.

אום אויסצומיידען דעם טויט, פלעג איך בעהאלטען דעם שטריק וואס איז מיר געקומען פאר דיא אויגען, דאמיט איך זאָל מיך ניט אויפהייגגען אויף דעם גרויסען נאָגעל וואס האט געשטעקט הויך אויף דער וואנט אין מיין שטודיר צימער. איך האב אויך אויפגעהערט צו טראגען בייא מיר א רעוואָלווער, ווייל איהם האבענדיג אין קעשענע, איז עס זעהר לייכט געווען, אין א מאָמענט פון גרויסער אויפרעגונג, מיר אריין צו יאָגען א קוגעל אין קאָפּ.

איך האב אָבער אליין ניט געוואוסט וואס איך האב געוואָלט. דאכט זיך איך האב דאָך מורא געהאט פאר'ן לעבען, געוואָלט פטור ווערען דערפון, און דאָך איז געווען איין ע פּ ע ס וואס האט מיך צוריק געהאלטען.

אזא צושטאנד האט איך געגרייכט, אין א צייט גראדע ווען איך האב בעזעסען אלעס אום גליקליך צו זיין, און איך בין נאך ניט אלט געווען קיין 50 יאָהר.

איך האב געהאט א גוטע, ליעבענדע און געליעבטע פרוי, מיט קינדער, א פיינעס גוט, וועלכעס, אָהנע איך זאָל מיך פיעל בעמיהען, האט עס מיך יעדעס מאָל רייכער געמאכט; איך בין געווען מעהר וויא אימער געערט פון מיינע פריינדע און בעקאנטע; איך בין געווען געריהמט אונטער פרעמדע, און איך האב געקענט בעהויפּטען, אז איך האב מיר מיין נאמען בעריהמט געמאכט אָהנע מיך זעלבסט אבצונארען.

איבערהויפּט גאר, איז מיין פערשטאנד ניט פערדאָרבען געוואָרען און אויך ניט אָבגעשוואכט; אין געגענטהייל, איך האב געשפּירט אזא קערפּערליכע און גייסטיגע קראפט, וואס זעהר ווייניג מענשען פון מיין קלאסע און בעשעפטיגונג בע־זיטצען. איך האב געקענט נאכהאלטען א בויער און שניידען תבואה, און איך האב געקענט אָבזיטצען 10 שטונדען דורכאנאנד בייא גייסטיגער ארבייט, אָהנע דאס זאָל מיר עפּעס שאדען.

מיין גייסטיגער צושטאנד דאמאלס, איז בעשטאנען אונגעפעהר אין דעם:

„מיין גאנצעס לעבען איז געווען און איז א נארישער און שלעכטער שפּאס, פּעראור־זאכט איך ווייס ניט פון וועמען.“

אונגעאכטעט דארויף וואס איך האב ניט געגלויבט אין קיין גאָט, איז עס מיר דאָך פאָרגעקומען גאנץ נאטירליך, אז דער וואס שפּיעלט מיט מיר דעם נארישען און שלעכטען שפּאס, איז דאָך איין עפּעס. אָט דיעזער בעשלוס, האט אממייסטען בעגלייטעט מיין פינסטערן וועג.

איך האב מיר געדענקט, אז דיעזער „עפּעס", וואו ער זאָל ערגעין זיין, איז אזא איינער וואס אונטערהאלט זיך אויף מיין חשבון, און ער זעהט מיך וויא איך האב אָבגעלעבט א וועלט, געשטודירט און געלערענט אלכדינג, און צולעטצט שטעה איך וויא איין אלטער נאר און פרעג מיך: „וואס איז דאס אלעס?"

וויא נאריש - און דום איך מוז בייא איהם אויסזעהען. בייא איהם? בייא וועמען? איז ווירקליך פערהאנדען אזא זאך אין דער וועלט וואס בליקט אויף מיר און פערשטעהט דאס אלעס?

אָבער דאס האט מיר אויך גאר ניט געהאָלפען. אויב עס איז יא דאָ אזא וועזען אין דער וועלט אָדער ניט, איז מיר גאַנץ וועניג ארויס געקומען. דיא הויפּטזאך איז געווען, אז איך פערשטעה ניט צו וועלכען צוועק איך עקזיסטיר.

אין דערזעלבער צייט אָבער איז מיר איינגעפאלען איך זאָל מיך זעלבסט וואונדערן דאריבער, ווארום איך האב ביז דאמאלס ניט געקלערט, אז עס קען זיין אזא וועזען. איבריגענס, וואס קומט מיר ארויס ווען עס עקזיסטירט שוין יא א וועזען וואס זעהט מיך שפּיעלען אויף דער וועלטס־ביהנע? איך האב געוואוסט, אז קראנקהייט און טויט וועלען קומען (דאס איז שוין קיין נייעס ניט געווען) ווען ניט היינט, דאן מאָרגען, איבערמאָרגען, און פון אלע דיעזע וואס ליעבען מיך, און וואס איך ליעב, און טאקי איך אליין אויך, וועט בלייבען א שטיק פערעיפּוש׳טער גוף מיט ווערים.

אלעס וואס איך האב אויפגעטהאָן, וועט פריהער אָדער שפּעטער פערגעסען ווערען, און פון מיר אליין וועט קיין זכר ניט בלייבען, איך וועל אין ערגיין ניט זיין.

צו וועלכען צוועק אלזאָ דארף מען זיך אזוי שטארק בעשעפטיגען מיט עפּעס? און וויא קענען מענשען דאס אלעס וויסען און נאָך לעבען? עס איז נאָר מעגליך אזוי לאנג צו עקזיסטירען, כל־זמן דאס לעבען בעטייבט אונז; אָבער אזוי שנעל וויא מיר ניכטערן זיך אויס, מוזען מיר איינזעהען, אז אלעס איז א פּוסטער און א נארישער חלום! אין דער גאנצער געשיכטע האב איך ניט געקענט געפינען קיין שפּאסיגעס אָדער אמוזירענדעס; אלעס איז מיר ערשיענען אלס גרויזאם און דום.

עס איז פערהאנדען איין אלטע אָריענטאַלישע פעבעל איבער א רייזענדען אין דיא סטעפּעס, וועלכער איז אָנגעגריפען געוואָרען פון א ווילדער חיה. אום זיך צו רעטען, איז דער רייזענדער אריין געשפּרונגען אין איין אויסגעטריקענטען ברונען; אַרונטער קוקענדיג אין ברונען, האט ער דערזעהען הינטער זיך א קראָקאָדיל מיט א געעפענטען מויל, בערייט איהם אויפצופרעסען. דער אונגליקליכער רייזענדער האט ניט געוואגט צוריק ארויס צו קריכען פון דעם ברונען, ווייל ער האט מורא געהאט פאר דער ווילדער חיה, און ער האט אויך ניט געוואגט ארונטער צו געהען טיעפער, פאר מורא געגען דעם קראָקאָדיל. אום ניט צו פאלען אָבער, האט ער זיך אָנגע־כאפּט אן א פלאנצונג וואס האט געוואקסען אין א שפּאלט פון דער ברונען־וואנט. זיינע הענד זיינען זעהר מיעד געוואָרען און ער האט געשפּירט, אז ער מוז שטארבען און דער טויט ערוואַרטעט איהם פון ביידע זייטען, אָבער טראָטץ דעם אלעמען האט ער זיך צוגעהאלטען. אין דערזעלבער צייט האט ער ערבליקט צוויא מייז, איינע א שווארצע און איינע א ווייסע, וועלכע האבען אָנגעפאנגען דורכצופרעסען דעם וואָרצעל פון דער פלאנצונג. ער האט איינגעזעהען, אז דיא פלאנצונג מוז זיך אָב־רייסען און ער וועט אריין פאלען אין קראָקאָדיל'ס מויל. דער רייזענדער האט דאס אלעס געזעהען און גאנץ גוט בעגריפען, אז זיין ענדע איז נאהענט; אין דערזעלבער צייט אָבער, זיך נאך אימער אָנהאלטענדיג אן דער פלאנצונג, האט ער זיך אום־געקוקט און ערבליקט האָניג אויף דיא בלעטער פון דער פלאנצונג — ער האט ארויס געשטעקט זיין צונג און אָנגעפאנגען צו לעקען.

אויף דערזעלבער ארט האב איך מיך געהאלטען אין דער פלאנצונג פון לעבען, און געוואוסט, אז אונטען, אונטער מיר, ערוואַרטעט מיך דער קראָקאָדיל פון טויט, אָבער איך האב אום קיינעם פרייז ניט געקענט בעגרייפען, ווארום מיר קומט דאס אלעס. איך האב אויך געשטרעבט צו לעקען דעם האָניג, וועלכער האט מיך אמאל געטרייסט; אָבער דער האָניג איז פערגליווערט געוואָרען אויף מיין צונג, זעהענדיג דיא ווייסע און שווארצע מייז, טאָג און נאכט, וויא זייא פרעסען דורך דעם וואָרצעל אן וועלכען איך האלט מיך פעסט.

יא, איך האב געזעהען פאר מיר דעם קראָקאָדיל זעהר דייטליך, און דער האָניג האט פערלוירען זיין זיסקייט. איך האב געזעהען דעם קראָקאָדיל פון וועלכען מען קען זיך ניט רעטען, און איך האב געבליקט צו דיא מייז וויא זייא זעטצען פאָרט זייער ארבייט.

דאס איז ניט קיין פאבעל, זאָנדערן א לעבעדיגע און אונבעשטרייטבארע וואהרהייט, וועלכע יעדער מענש קען פערשטעהען. דיא פריהערינגע פאנטאזיע

איבער דעם גליק פון לעבען וואס האט פון מיר פערשטעלט דעם קראָקאָדיל, האט מיך שוין מעהר ניט געקענט נארען.

וויא דיא זאך איז, האב איך אָבער בייא מיר ניט געקענט פועלין ווייטער פאָרטצוזעטצען א לעבען וואס האט פאר מיר קיין בעדייטונג. איך האב געמוזט צוגעבען, אז יעדע נאכט און יעדער טאָג וואס איז פאראיבער, האט מיך אלץ נע־בראכט נעהנטער צום טויט. איך האב קיין אנדערע זאך געקענט זעהען אויסער דיעזען פאקט, ווייל דאס אליין איז אמת, און אלעס אנדערע איז ליגען.

דיא טראָפּענס האָניג, וואס האבען מיך מעהר וויא אלעס אוועק געשלעפּט פון דער גרויזאמער וואהרהייט, זיינען געווען מיין פאמיליע און מיינע ליטעראַרישע ווערקע, און זייא האבען מיר שוין מעהר ניט געשמעקט אזוי זיס וויא אמאל.

„מיין פאמיליע," האב איך מיר געטראכט, „איז א פאמיליע וויא אלע אנדערע פאמיליעס, וואס בעשטעהט פון א פרוי מיט קינדער, וואס זיינען מענש־ליכע בעשעפענישען און זיינען אונטערוואָרפען דעמזעלבען שיקזאל וויא איך; זייא לעבען ענטוועדער אין א ליגען, אָדער זייא מוזען ארויס זעהען דיא שרעקליכע וואהרהייט. צו וועלכען צוועק זאָלען זייא לעבען? ווארום זאָל איך זייא ליעבען, זאָרגען פאר זייא, זייא אויפציהען און וואכען איבער זייא? זאָל איך זייא ברענגען צו דערזעלבער פערצווייפלונג אין וועלכער איך געפין זיך, אָדער זאָל איך זייא מאכען פאר דומקעפּ? נאכדעם אָבער וויא איך ליעב זייא, דארף איך פאר זייא ניט בעהאַלטען דיא וואהרהייט, — יעדער שריט אין וויסענשאפט, פיהרט זייא צו בעגרייפען, אז דיא איינציגע וואהרהייט איז דער טויט."

און וואס ווערט פון קונסט, פון פּאָעזיע? אונטער דעם איינפלוס פון ער־פאָלג און לויב, האב איך מיר אמאל נעהאט איינגערעדט, אז דיעזע זיינען זאכען וואס האבען ווערטה מען זאָל פאר זייא ארבייטען, אונגעאכטעט דארויף וואס עס דערנעהנטערט זיך דער טויט, וועלכער איז דער גרויסער צערשטערער, וואס וועט פערניכטען מיין שרייבען און אפילו דיא עראינערונג דערפון.

איך האב אָבער געמוזט צוגעבען, אז אויך דאריעבער האב איך אמאל נאָר געפאנטאזירט, און איך האב מיר מודה געווען, אז קונסט איז נאָר א ציערונג און א צויבער פאר דעם לעבען.

אזוי וויא לעבען האט פיר מיר פערלוירען דעם צויבער, וויא אַלזאָ האב איך געקענט מאכען אנדערע זאָלען בעצויבערט ווערען דערפון?

כל־זמן איך האב ניט בעגריפען וואו איך בין אין דער וועלט, האט קונסט און פּאָעזיע פאר מיר געהאט א געוויסע אנציהונג, אָבער וויא איך האב פערשטאנען,

אז אלעס איז פוסטע זאכען, האט אויך דאס פערלוירען זיין גלאנין. אלעס וואס איך האב געקענט זעהען, איז געווען לויטער דומהייטען און נארישקייטען.

אמאל, אין מיין אירטהום, האב איך געקענט אויפוואכעמען מיין הארץ מיט קאמישעס, טראגישעס, ריהרענדעס, שעהנעס און שרעקליכעס, און איך האב מיך געקענט פרייען, טרייסטען אדער ערגערן, אבער ווען איך האב געוואוסט, אז אלעס האט קיין בעדייטונג, האט עס מיך ניט אינטערעסירט און ניט אמוזירט.

קיין האניג האט זיך מעהר געקענט פיהלען זיס אויף מיין צונג, ווען איך האב ערבליקט דעם קראקאדיל, און דיא מייז וואס האבען געהאלטען אין אונטערפרעסען דעם וואָרצעל אן וועלכען איך האב מיך פעסט געהאלטען.

אבער דאס איז נאך ניט געווען אלעס. ווען איך וואלט בלויז געקומען צום בעשלוס, אז דאס לעבען איז גאר אהן א בעדייטונג, וואלט איך דאס אויך אנגע־נומען און בלויז געזאגט, אז איך בין צו דום צו ערגרינדען א געהיימניס נאר דאס איז ניט געווען דער פאל. איך בין ניט געווען וויא איינער וואס איז פערבלאנדזשעט געווארען אין א וואלד און קען ניט געפינען דעם וועג ארויס צו געהען; ניין, איך בין געווען וויא איינער וואס קען יעדען שריט אין דעם וועג וואס ער מאכט, און דאך לויפט ער ארום וויא א משוגענער הין־און־צוריק.

אט דאס איז געווען דאס שרעקליכע, און דאס האט מיך געטריעבען איך זאל מיך בעפרייען און מיר נעהמען דאס לעבען. איך האב געשפירט א שווידער זיך דערמאהנענדיג אן דעם וואס מיך ערווארטעט; איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז דער טויט איז נאך ערגער וויא אזא לעבען, אבער טראָטץ דעם האב איך ניט געקענט איינשטימען צו ווארטען אויף'ן סוף און זיין געדולדיג. איך האב זעהר געוואלט מיך בעפרייען ענטוועדער דורך א שטריק אדער דורך א רעוואלווער־קוגעל. דאס איז געווען דיא הויפט אורזאכע וואס האט מיך געטריעבען צו דענקען פון זעלבסטמארד.

## 5.

מאנכע מאל האב איך געדענקט, אז נאך אלעמען איז מעגליך, דאס איך האב פיעללייכט עפעס פערזעהען און איך וואלט געקענט געפינען פיעל אדער ווייניג איין ענטפער אויף מיינע פראגען. אבער באלד איז ערשיענען דער געדאנק און צו מיר אזוי געטענה'עט: „לאמיר צוגעבען, אז מען קען שוין געפינען איין ענטפער, אבער דאס וועט דאך נאך ניט פערענטפערן דיא פראגע, צו וואס אי־ ־ גאר אין גאנצען געבוירען געווארען!“

אונטערדעסען האב איך דאָך פּראָבירט זוכען איין ענטפער. עס איז ניט געווען אויס נייגיעריגקייט, זאָנדערן איך בין געווען וויא א שטערבענדער וואס זוכט א לעטצטע רעטונג. נאָר איך האב קיין ערקלערונג געטראָפען.

מיין זוכען האט מיך ניט נאָר איבערצייגט, אז איך קען קיין ענטפער ניט געפינען, זאָנדערן אלע אנדערע וואס האבען געזוכט, גלייך מיט מיר, צו געפינען איין ענטפער אויף דיעזע פראגען, האבען זיך איבערצייגט, אז דאס לעבען האט קיין בעדייטונג.

איך האב נעהאט דיא בעסטע מעגליכקייטען צו זוכען, ניט נאָר דאפיר ווייל איך האב גענוג געלערענט, זאָנדערן איך האב אויך פערקעהרט פערזענליך מיט דיא גרעסטע געלעהרטע. נאָר טראָטין דעם אלעמען, האב איך דאָך ניט געקענט בעענטפערן דיא פראגע: „וואס איז לעבען?"

עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז איך האב מיך איבערציינגט, אז דיא מענשליכע געלעהרזאמקייט, קען ניט געבען קיין קלאָרע תשובה אויף דיעזער פראגע.

דיא גענויע פראגע איז אזוי בעשטאנען: „וואס קען ווערען דערפון וואס איך טהו היינט און פון דעם וואס איך וועל מאָרגען טהון? וואס איז דער רעזולטאט פון מיין לעבען?" אום זיך אנדערש אויסצודריקען, קען עס אזוי הייסען: „צו וועלכען צוועק זאָל איך לעבען? ווארום זאָל איך עפּעס פערלאַנגען? צו וואס זאָל איך עפּעס טהון?" און אין אנדערע ווערטער הייסט עס: „גיבט עפּעס א מיינונג אין מיין לעבען וואס קען גובר זיין דעם געוויסען טויט וואס ערוואַרטעט מיך?"

איך האב געזוכט איין ענטפער אויף דיעזער פראגע אין מענשליכען פערשטאנד און וויסענשאפט, און איך האב געפונען צווייערלייא ערקלערונגען, וואס האבען זיך איינע דיא אנדערע ווידערשפּראָכען.

איין סיסטעם אין דער וויסענשאפט זעהט אויס אין גאַנצען אַבצולייקענען, אז עס עקזיסטירט אזא פראגע, וועהרענד אויף אלע אנדערע פראגען ווערען געליעפערט פּאָלקאָמענע ענטפערס, וועלכע האבען גאר ניט צו טהון מיט דער ערשטער פראגע. דיעזעס סיסטעם רופט מען דיא פּראָבירענדע וויסענשאפט, וועלכע געהט בעווייזען אלעס מיט מאטהעמאטישע אויסרעכנונגען. א צווייטעס סיסטעם איז מודה, אז עס גיבט ווירקליך אזא פראגע, אָבער עס איז ניטאָ קיין ענטפער דארויף; דאס איז דיא טהעאָרעטישע פילאָזאָפיע, וועלכע בעדיענט זיך מיט מעטהאפיזיק (איבערנאַטירליכע פאָרשונג).

פון מיין יוגענד אָן בין איך צוגעוואָהנט געוואָרען צו טהעאָרעטישער פילאָ־זאָפיע; שפּעטער האבען מיך אָנגעצויגען דיא פּינקטליכע וויסענשאפטען און מא־טהעמאטיק. דיעזע ביידע סיסטעמען פון וויסענשאפט האבען אויסגעזעהען מיר אלעס צו פערענטפערן, ביז איך האב אָנגעפאנגען אליין גוט צו בעגרייפען דיא פראגע: „וואס איז לעבען?“

פון א פּראקטישען שטאנדפּונקט אויס, פלעג איך צו מיר אזוי זאגען: „אלעס אין דער וועלט איז ענטוויקלונג און אונטערשיידונג, אלעס שטרעבט צור פאָלקאָמענהייט, און עס זיינען פערהאנדען געזעטצע וואס רעגיערען דיעזען נאטור־פּראָצעס. דוא אליין ביסט א טהייל פון דעם גאנצען. לערען אזוי פיעל וויא מעגליך איבער דיעזען גאנצען און שטודיר דאס געזעטץ פון ענטוויקלונג; דוא וועסט דאן וויסען וואס פאר א ראָלע דוא שפּיעלסט אין דער אלגעמיינהייט און דוא וועסט דיך זעלבסט גוט קענען.“

אָבוואָהל איך שעהם מיך דאָ צו דערצעהלען מיינע א גרויסע דומהייט, אָבער דאָך בין איך געצוואונגען צו שילדערן דיא וואהרהייט. דיא געשיכטע איז אזוי געוועזן: איך האב געגלויבט אין ענטוויקלונג, אז אלעס וואס לעבט ענטוויקעלט זיך, און אזוי וויא מיינע מוסקעלן האבען געוואקסען און מיין כח־הזכרון האט זיך געשטארקט, האב איך געגלויבט, אז דאסזעלבע געזעטץ רעגיערט דיא גאנצע וועלט. פלוצלינג האב איך אָבער אָנגעהויבען עלטער צו ווערען: מיינע מוסקעלן האבען אָנגעפאנגען אויסצוטריקענען, מיין ענטוויקלונג האט אויפגעהערט און מיינע צייהן האבען אָנגעהויבען ארויס צו פאלען. דערמיט איז געשטירצט געוואָרען מיין גאנצע פריהעריגע פילאָזאָפיע, אז אלעס האלט זיך נאָר אין ענטוויקלען, און איך האב איינגעזעהען, אז ערשטענס בין איך פריהער געוועזן א גרויסער דומקאָפּ דערמיט וואס איך האב פון מיר געאורטהיילט אויף דער גאנצער וועלט, און צווייטענס עק־זיסטירט גאר קיין געזעטץ פון וואקסען און ענטוויקלען.

בעטראכטענדיג בעסער דאס זאָגענאנטע געזעטץ פון ענטוויקלונג, האב איך מיך איבערצייגט, אז עס גיבט גאר קיין געזעטץ פון אייביגער ענטוויקלונג. צו בעה־הויפּטען אז דיא גאנצע וועלט בעשטעהט פון אונענדליכען רוים, און דיא צייט ווערט ענטוויקעלט, פערדרעהט, אונטערשיידעט און פערפאָלקאָמענד, איז ניט מעהר וויא א נארישע פלוידערייא. אזעלכע ווערטער האבען גאר קיין בעדייטונג, וויל כל־זמן מיר זאגען אונענדליך, קענען מיר דארונטער ניט פערשטעהען קיין איינ־פאכעס און פערמישטעס, קיין פערגאנגענהייט און קיין צוקונפט, און קיין בעסטערעס אָדער ערגערעס.

אלזאָ, אין דער פילאָזאָפיע האב איך ניט געקענט געפינען קיין צופריעדען שטעלענדען ענטפער צו מיין פראגע, און איך האב מיך ערשט איבער־אַ־נייעס געפרעגט:

„וואס בין איך אליין מיט אלע מיינע ווינשונגען?"

איך האב פערשטאנען, אז לערנען און שטודירען, איז אינטערסאנט און אנציהענד, נאָר וואס עס אנבעלאנגט איין ענטפער איבער דער פראגע „וואס איז לעבען?" קענען מיר אין דעם ניט געפינען.

וואס ווענינער דיא וויסענשאפט האט צו טהון מיט דער פראגע פון לעבען, אלס קלארער און דייטליכער איז זיא; קוים אָבער נעהמט זיא זיך אונטער צו פערענטפערן דיעזע פראגע, ווערט זיא דונקעל, אונפערשטענדליך און פערלירט איהר אנציהונג.

ווען מיר ווענדען זיך צו דיא צווייגען דער וויסענשאפט, וואו דער מענש האט געזוכט צו געפינען איין ענטפער אויף דיא פראגען פון לעבען, וויא פיזיאָלאָגיע, פסיכאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, און סאָציאָלאָגיע, געפינען מיר זעהר ארעמע און שוואכע געדאנקען מיט איין אונגעהייערער דונקעלהייט. מיר זעהען אויך איין, אז אלע דיעזע צווייגען דער וויסענשאפט, האבען נאר קיין רעכט צו בעהויפטען, אז זייא געהען בעענטפערן דיא פראגע פון לעבען, ווייל זייא זיינען א ווידערשפרוך צווישען איין דענקער און דעם צווייטען און ווידערשפרעכען זיך זעלבסט.

ווען מיר ווענדען זיך וויעדער צו דיא צווייגען דער וויסענשאפט, וועלכע בע־שעפטיגען זיך ניט צו געבען איין ענטפער אויף דער פראגע פון לעבען, זאָנדערן זייא זוכען בלויז צו פערענטפערן זייערע אייגענע וויסענשאפטליכע פראגען, דאן בלייבען מיר שטעהן ערשטוינט מיט בעוואונדערונג איבער דער קראפט פון דעם מענשליכען פערשטאנד. אָבער מיר ווייסען פאָראויס, אז דאָ וועלען מיר ניט געפינען קיין ענטפער אויף דער פראגע פון לעבען, ווייל דיעזע וויסענשאפט וויל גאר ניט וויסען פון אזעלכע פראגען.

דיעזע וואס בעשעפטיגען זיך מיט דיעזער וויסענשאפט, זאגען אזוי: „מיר קענען ניט וויסען וואס דוא ביסט און ווארום דוא לעבסט; אזעלכע פראגען שטודירען מיר גאר ניט. נאָר ווען דוא ווילסט וויסען איבער דיא געזעטצע פון ליכט, איבער דיא כעמישע פערבינדונגען און איבער דער ענטוויקלונג פון אָרגאניזמען; ווען דוא ווילסט קענען דיא געזעטצע וואס רעגירען פערשיעדענע קערפערס, זייערע פאָרמען און דיא בעציהונגען פון צאָהל און מאָס; ווען דוא ווילסט וויסען דיא

געזעטצע פון דיין אייגענעם פערשטאנד, דאן קענען מיר דיר געבען א קלארען, ריכטיגען און א פאזיטיוו ז׳כערן ענטפער דארויף.“

וואס פאר א שייכות פראבירענדע וויסענשאפט האט מיט דער פראגע פון לעבען, האב איך אויסגעפונען אויף דיעזער ארט. פראגע: „וואס איז לעבען?“ ענטפער: „אונענדליכע קליינע שטיקעלעך, אין אונענדליכע פערבינדונגען, אין אונענדליכען רוים און אונענדליכער צייט, אייביג וועקסלענדיג זייערע פארמען, און ווען דוא האסט געלערענט דיא געזעטצע פון דיעזע וועקסלונגען, וועסטו וויסען ווארום דוא לעבסט.“

ווען איך האב אליין פילאזאפירט, האב איך אזוי געזאגט: „גייסטיגע אור־זאכען בילדען דעם פונדאמענט פון א מענשען׳ס לעבען און ענטוויקלונג, און דיעזע גייסטיגע אורזאכען זיינען דיא אידעאלען וואס רעגיערען איהם. דיעזע אידעאלען ווערען אויסגעדריקט אין רעליגיאן, אין וויסענשאפט, אין קונסט, און אין דיא פארמען פון רעגיערונג; זיא שטייגט אלץ העבער און העבער, פון שטופע צו שטופע, ביז דער מענש גרייכט ענדליך דאס העכסטע גוטע. איך אליין בין א מענש, און מיין פליכט איז דערפאר צו העלפען בעקאנט מאכען דיא אידעאלען פון דער מענשהייט און זעהען מען זאל זייא אקצעפטירען.“

אין דיא טעג ווען מיין גייסט איז געווען אבגעשוואכט, איז דיעזע פילאזאפיע פאר מיר געווען גענוג; אבער זא שנעל וויא דיא פראגע פון ווירקליכען לעבען איז אין מיר ענטשטאנדען „וואס איז דאס אלעס?“ דאן איז דיא גאנצע פילאזאפיע געפאלען.

פילאזאפירענדיג בין איך דערוויל לאנגזאם געקומען צו א בעשלוס, וועלכער האט מיר געצייגט וואס דיא ריכטיגע און געגויע פראגע דארף זיין. וויא געוועהנליך פרעגט מען: „וואס בין איך?“ אדער: „צו וואס לעב איך?“ אדער: „וואס זאל איך טהון?“ נאך מיינער אנזיכט דארף דיא פראגע אזוי געשטעלט ווערען: „לעבען עקזיסטירט, אלעס לעבט; וואס דאס איז, ווייסען מיר ניט. מיר, מענשען, לעבען אויך, און בילדען איין אונבעדייטענדען טהייל פון דיעזען אלגעמיינעם לעבען. יעטצט איז דיא פראגע, וואס פאר א שייכות האבען מיר צו דעם אלגעמיינעם לעבען, און וואס דארפען מיר טהון בשעת מיר לעבען שוין, אז דיא פראגע פון לעבען זאל אונז בעענטפערט ווערען?“

איך האב אויך בעגריפען, אז א מענש, וועלכער וויל זיך זעלבסט פערשטעהן, מוז פריהער האבען א בעגריף איבער דער געהייםניספאלער מענשהייט, פון וועלכער

ער בילדעט א טהייל; ער מוז וויסען אָדער זוכען צו וויסען וואס דיא איבּריגע מענשען זיינען, וועלכע זיינען אויך אזוי אונוויסענד וויא ער איז.

אזוי האָב איך געטראַכט, געקלערט, געדענקט און ספּעקולירט מיט מיין פערשטאַנד אַהין און אַהער, אימער רעכענענדיג, טאָמער, פּיעללייכט, ווען איך וועל דיא פראַגע שטעלען ריכטיג, אָדער, בעססער געזאָגט, וויסען גענוי וואס מיר פעהלט, וועל איך אפשר, קענען טרעפען איין ערקלערונג. אָבער וויא פאַלש מיין רעכנונג איז געווען, האָב איך מיר באַלד איבערצייגט, ווען איך האָב ווידער אמאָל אָנגעפאַנגען צו דענקען איבער לעבען.

דיא מעטהאַפּיזישע פילאָזאָפען שטעלען אויף פאָלגענדע פראַגען:

„וואס בין איך און וואס איז דיא גאַנצע וועלט אַרום מיר? וואָרום עקזיסטיר איך און דיא גאַנצע וועלט מיט מיר?“ יעדער האָט דיעזע פראַגען אימער אויף איין אַרט בעענטפערט.

עס איז קיין אונטערשיעד ווען איין פילאָזאָף ע־קלערט, אַז לעבען איז איין אידעע, א צווייטער זאָגט, א סובסטאַנץ, אָדער ווילען, גייסט א. ז. וו. אַלע געבען צו, אַז לעבען איז א ווירקליכקייט; ניין, זייא לייקענען ניט אָב דאָס לעבען און זייא לייקענען ניט אָב דיא עקזיסטענץ פון מיין „איך“. דאַכט זיך זעהר גוט; אָבער ווען עס קומט צו דער פראַגע: „גוט, דיא וועלט עקזיסטירט, איך עקזיסטיר, אַלעס איז א ווירקליכקייט; לעבען איז לעבען און איך בין איך — אָבער צו וועלכען צוועק איז דאָס אַלעס? צו וואס טויג דאָס? וואָס וועט זיין דער פּועל־יוצא?“ דאָס בעענטפערן זייא ניט. איינער גנב'עט זיך אַרויס, א דריטער זעהט אויס זיך צו פערגעסען, און א טהייל שעהמען זיך ניט און ציהען אויף גוטמיטהיג מיט דיא אַקסלען און ערקלערען: „דאָס איז א געהיימניס.“

ווען איך פרעג: „וואס ניטצט דיעזע גאַנצע ווירקליכקייט? וואָס וועט ווערען פון דער גאַנצער וועלט? וואס קומט אַרויס דערפון, אַז א וועלט עקזיסטירט?“ — קען איך מיר דאַרויף ניט ענטפערן. דיא פילאָזאָפיע קען דאָס אויך ניט בעענטפערן, זיא קען העכסטענס שטעלען דיעזעלבע פראַגען.

ווען דיא פילאָזאָפיע זאָל זיך זעלבּסט ניט וועלען נאַרען און קיינעם ניט וועלען פערדרעהען א קאָפּ, וואָלט איהר גאַנצע אויפגאַבע געווען א גאַנץ קליינע און איהרע אַלע אַרום־ריידונג, וואָלט בעשטאַנען בלויז אין עטליכע ווערטער. זיא האָט בעדאַרפט אויסשטעלען ערשטענס דיעזע פראַגע:

„וואס בין איך און וואס איז דיא גאַנצע וועלט אַרום מיר?“ דאַרויף זאָל זיא ענטפערן: „איך און דיא גאַנצע וועלט, זיינען מיר אַלעס און גאָר ניט.“

דיא צווייטע פראגע: „ווארום עקזיסטירט דאס אלעם?“ דארף בעענטפערט ווערן מיט: „איך ווייס ניט.“

דאס וואס דיא פילאָזאָפיע איז ניט גלאט און רעדט ניט אימער צו דער זאך, האט מיך געקאָסט זעהר פיעל מיה. איך האב אלץ געמיינט, אז איך וועל זוכען, קלערען און פאָרשען ביז איך וועל געפינען איין ענטפער.

דאס איז אלזאָ ניט קיין קליינינקייט צו געהען איבערזיפען דיא פערשיעדענע פילאָזאָפען און עס קאָסט זעהר פיעל מ״ה. אָבער, וויא דיא זאך איז, איך האב געזוכט, און דער סוף איז געווען, אז נאך דער גאנצער פילאָזאָפיע, בין איך ערשט צוריק געקומען צו מיין גאנץ ערשטער פראגע: „וואס איז לעבען?“

## 6.

**אין** מיין זוכען צו געפינען איין ערקלערונג אויף דער פראגע פון לעבען, האב איך געהאט דיעזעלבע פראגע וויא יענער מאן וואס האט זיך פערלוירען אין א וואלד. ער איז פלוצלינג צוגעקומען צו א פרייען פלאטץ, ארויף געקראָכען אויף א בוים און רערזעהען ארום זיך א פרייען פלאטץ אָהן איין ענדע אָבער קיין הויז — עד האט אויך פערשטאנען, אז ער קען קיין הויז זעהען. דאן איז ער אריין צוריק אין וואלד און ערבליקט פינסטערניש, אָבער קיין הויז.

אזוי האב איך פערלוירען מיין וועג אין וואלד פון מענשליכער וויסענשאפט. אין דעם זונען־אונטערגאנג פון מאטהעמאטישע און פראָבירענדע וויסענשאפט, וואס האט בלויז פאַר מיר געעפענט א פרייען פלאטץ צו זעהען, אז עס גיבט קיין הויז, און אין דער פינסטערניש פון פילאָזאָפיע, בין איך אריין נאך אין א טיעפערער דונקעלהייט מיט יעדען שריט וואס איך האב געמאכט פאָרווערטס. דאס האט אזוי לאנג געדויערט, ביז איך האב מיך איבערצייגט, אז עס איז ניטאָ, עס איז ניט און עס קען ניט זיין קיין ענטפער.

ווען איך האב נאכגעפאָלגט דאס גלענצענדע ליכט פון געלעהרזאמקייט, האב איך מיך נאָר איבערצייגט, אז איך האב מיך אָבגעווענדעט פון דער ריכטיגער פראגע.

אונגעאכטעט דארויף וואס איך האב ערבליקט דעם אנציהענדען און ווייטען הימעל פאר מיר, אונגעאכטעט דארויף וואס דער צויבער פון וויסענשאפט האט מיך געצווינגען איך זאָל מיך פערלירען אין איהר אונענדליכקייט, האב איך איינגעזעהען, אז וואס קלערער דאס איז מיר ערשיענען, אלץ וועניגער האב איך עס

געזוכט, און אלץ שוואכער איז געוואָרען דיא האָפנונג צו קריעגען איין ענטפער אויף מיין פראגע.

איך האב צו מיר אזוי געזאגט: „איך ווייס יעטצט אלעס וואס דיא וויסענ־שאפט האט אונטערגענומען צו שטודירען; אָבער איין ענטפער אויף מיין פראַגע, איבער דער בעדייטונג פון לעבען, קען איך ניט קריעגען פון דער וויסענ־שאפט."

נאך אלעמען האב איך איינגעזעהען, אז דיא פילאָזאָפיע, נאך אלע איהרע קאָפּ־דרעהענישען און פאָרשונגען, האט געגעבען דעמזעלבען ענטפער וואס איך האב אליין געהאט. דאס איז דיא אונטערשטע שורה:

„וואס איז דיא בעדייטונג פון לעבען? עס האט קיינע בעדייטונג. וואס וועט זיין פון מיין לעבען? גאר ניט. ווארום עקזיסטירט אלעס און ווארום עקזיסטיר איך? ענטפער: ווייל אלעס און איך עקזיסטירען."

ווען איך האב מיך געווענדעט צו איין צווייג דער וויסענשאפט, האב איך ערהאלטען איין אונענדליכע צאָהל ריכטיגע ענטפערס אויף פראגען וואס איך האב גאר ניט געשטעלט. זאָ צום ביישפיעל, האט מיר דיא וויסענשאפט גענוי ערקלערט איבער דיא כעמישע עלעמענטען פון דיא שטערען און פלאנעטען; איבער דער בעוועגונג פון דער זונן און אנדערע זונען; איבער דער אבשטאמונג פון דעם מענשען א. ז. ו. נאָר דער איינצ׳יגער ענטפער אויף מיין פראגע וואס דיא בעדייטונג איז פון לעבען, איז אזוי געווען:

„דוא ביסט א טהייל פון דעם וואס מען רופט לעבען; דאס איז א צייט־ליכע און צופעלליגע צוזאמענשטעלונג פון קליינע טהיילען. דיא געגענזייטיגע ווירקונג און געגען־ווירקונג פון דיעזע טהיילען, האט דיך פראָדוצירט און געמאכט דאס, וואס דוא רופסט לעבען. דיא צוזאמענשטעלונג וועט דויערן א געוויסע צייט, דאן וועט אויפהערען דיא געוויסע ווירקונג פון דיא טהיילען, און דערמיט וועט זיך ענדיגען דאס, וואס דיא רופסט לעבען, און דערמיט אויך אלע דיינע פראגען. דוא ביסט א צופעלינער בינטעל פון עפעס. דאס בינטעל ווערט געענדערט פון צייט צו צייט, און דיעזע ענדערונג רופט מען ענטוויקלונג אין לעבען; דאן ווערט דאס בינטעל צופאלען אויף שטיקער, און דערמיט הערט אלעס אויף צוזאמען מיט דיינע פראגען און צווייפלען."

דאס איז דער ענטפער פון דער קלארער און פאָזיטיווער מענשליכער וויסענ־שאפט, און אזוי וויא דיעזע וויסענשאפט האלט פעסט אן איהרע פרינציפען, ניט

צו פּלוידערן איבער קיין זאַכען וואס זיא וויים ניט, איז דאס א גאַנץ ריכטינער ענטפער.

אָבער, נאָך אלעמען, איז דיעזער ענטפער נאָך גאר קיין ענטפער ניט. איך האב געוואָלט וויסען דיא בעדייטונג פון לעבען, און אין דיעזען ענטפער איז געלעגען דער צערשטערער פון אירגענד א האָפנונג צו עררייכען מיין ציעל.

דיא טהעאָרעטישע וויסענשאַפט, וועלכע וויל זיך ניט אין גאַנצען אָבטהיילען פון דער פּאָזיטיווער וויסענשאפט, גיבט אויך אזא ערקלערונג:

„דיא וועלט איז איין עפּעס, וועלכער איז איביג און מען קען איהם ניט פערשטעהען. דאס לעבען פון דעם מענשען איז איין אונפערשטענדליכער טהייל פון דעם אונפערשטענדליכען גאַנצען עפּעס.“

איך האב פערשמיסען דיעזע ערקלערונגען, וועלכע זיינען א פּראָדוקט פון פאלשער וויסענשאַפט, וואס מען רופט יוריספּרודענץ (חכמת־המשפט), פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געשיכטע.

דיעזע וויסענשאַפטען געבען אונז אויך א פאלשען בעגריף פון ענטוויקלונג און פּאָלקאָמענהייט, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואס זייא זאגען, אז פריהער האט זיך אלעס ענטוויקעלט און יעטצט ענטוויקעלט זיך דאס מענשליכע לעבען.

דיא אונפּינקטליכקייט פון דער ערקלערונג וואס דיעזע וויסענשאַפטען געבען, איז גראדע דיעזעלבע וויא פון אלע אנדערע וויסענשאַפטען. ענטוויקלונג און פּאָלקאָמענהייט אין דער אונענדליכקייט, האט קיין ציעל, ווייל א ציעל וואָלט שוין געהייסען איין ענדליכקייט אין דער אונענדליכקייט דערפאר האט מיך דיא ערקלערונג פון דיעזע וויסענשאַפטען, אויך ניט געקענט צופריעדען שטעלען.

דאָרט וואו דיא פילאָזאָפיע וויל זיך זעלבסט ניט נארען, און דער דענקער בעטרייבט ניט קיין „פּראָפעסיאָנעלע פילאָזאָפיע,“ וויא שאָפּענהויער רופט עס, בלייבט דער ענטפער אימער דערזעלבער, וויא דיא פילאָזאָפען סאָקראַטעס, שאָפּענהויער, שלמה און בודדהא, האבען זיך אויסגעדריקט.

ווען מען האט סאָקראַטעס'ן פאַרבערייטעט צום טויט, האט ער געזאגט:

„מיר דערנעהנטערן זיך צו דער וואהרהייט אויף אזוי פיעל, וויא מיר זיינען ווייט פון דעם לעבען.“

מיר מענשען, וואס ליעבען דיא וואהרהייט, וואס זוכען מיר אין לעבען? דער ענטפער דאָרויף איז, אז אין לעבען זוכען מיר לויז צו ווערן פון צרות, און אזוי וויא אלע

צרות נעהמען זיך פון קערפער, ווארום אלזא זאָלען מיר זיך ניט פרייען ווען דער טויט דערנעהנטערט זיך?

א קלוגער מענש זוכט דעם טויט כל־זמן ער לעבט, און דער טויט שרעקט איהם קיינמאל ניט. הערט וואס שאָפּענהויער זאגט:

„דוא זאָלסט אקצעפּטירען דעם ווילען, אלס דאס לעטצטע פּרינציפּ פון דער וועלט. אין אלעמען הערשט ווילען, פון דיא אונבעקאנטע נאטור קרעפטען וואס האבען קיין בעוואוסטזיין, ביז צו דער טהעטיגקייט פון דעם מענשען מיט בעוואוסטזיין. איז אלעס איין אויסדרוק פון א ווילען וואס וויל עס זאָל אזוי זיין. ווען דיעזער ווילען זאָל אויפהערען, ראן נעהמט א סוף פון אלע נאטור־ערשיינונגען, און פון דיא קרעפטען וואס ווירקען יעטצט, וועט ווערען א תוהרובוהו. ווען עס זאָל ניט זיין קיין ווילען, דאן איז אויך קיין וועלט ניטאָ. ווען מיר האבען קיין ווילען ניט, דאן זיינען מיר גאר ניט. ווען מיר זאָלען וועלען פערניכטען דיעזען ווילען, איהם גובר זיין און בעהערשען, קענען מיר ניט, ווייל עס איז נעגען אונזער נאטור, וועלכעס איז דער ווילען צום לעבען און עקזיסטירען, גראַדע וויא עס איז דער ווילען פון דער גאנצער וועלט צו עקזיסטירען. דערפאר וואס מיר האבען אזוי מורא פאר פערניכטונג, אָדער, וועלכעס איז אויך דאסזעלבע, דערפאר וואס מיר ווילען אזוי לעביז. בעוויזט נאָר, אז מיר זיינען ניט מעהר וויא דיעזער וואונש אליין, און ניט מעה... דערפאר, ווען מ ווערען אויף צו זיין וואס מיר זיינען און דער ווילען פערשווינדעט פון אונז, בלייבט אלזאָ פון אונז גאר ניט. נאך מעהר, פאר דעם וואס דער ווילען איז אין איהם צערשטערט געוואָרען, איז אלעס, דער הימעל, דיא שטערען, דיא מענשהייט און דיא גאנצע וועלט — גאר ניט!"

„הבל הבלים!" זאגט שלמה. „הבל הבלים, אלעס איז גאר ניט! וואס קומט דעם מענשען ארויס פון זיין גאנצער מיה וואס ער האט אונטער דער זונן? איין דור געהט אוועק און איין אנדערער קומט. אָבער דיא ערד בלייבט אימער אזוי.. דיא זאך וואס איז איינמאל געווען, איז דיעזעלבע זאך וואס וועט זיין; און דאס וואס איז געמאכט געוואָרען, וועט זיין דאכזעלבע וואס וועט געמאכט ווערען, און עס איז גאר נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זונן.

„איז דאָ עפּעס א זאך וואס א מענש קען זאגען: זעה, דאס איז נייעס? עס איז שוין געווען אין אלטע צייטען, נאך פאר אונז. עס גיבט קיין עראינגרונג איבער פריהערינע זאכען, און עס וועט אויך ניט זיין קיין עראינערונג איבער זאכען וואס וועלען זיין, און איבער זאכען וואס וועלען זיין נאך דעם

„איך, קהלת, בין געווען קעניג איבער ישראל אין ירושלים. און איך האב געגעבען מיין הארץ נאכצופארשען און נאכצוקלערען דורך חכמה איבער אלעס וואס טהוט זיך אונטער דעם הימעל, און איך האב אויסגעפונען, אז דאס איז א שלעכטער עסק וואס גאט האט געגעבען דעם מענשען ער זאל זיך דערמיט פלאגען. איך האב געזעהען, אז אלעס וואס ווערט אבגעארבייט אונטער דער זונן, איז פוסט און א גייסטיגע פלאג...

„איך האב מיך בעראטהען מיט מיין אייגענעם הארץ, און געזאגט, זעה, איך בין גרויס געווארען און אנגעזאמעלט חכמה מעהר אלס אלע אנדערע וואס זיינען געווען פאר מיר אין ירושלים, און מיין הארץ האט געהאט פיעל ערפאהרונג אין חכמה און וויסענשאפט, און איך האב געגעבען מיין הארץ צו פערשטעהען חכמה, וויסענשאפט, דומהייט, און נארישקייט: איך האב בעמערקט, אז אויך דאס איז א פוסטע זאך. וואס מעהר חכמה, מעהר פערדרוס; און דער וואס בעזיטצט מעהר וויסענשאפט, האט מעהר שמערץ.

„איך האב געזאגט צו מיין הארץ: לאמיר נאר פראבירען פרעהליכקייט און הנאה האבען פון גוטעס, אבער אויך דאס איז א פוסטע זאך. אויף געלעכטער האב איך געזאגט דומהייט, און אויף פרעהליכקייט, וואס טויג דאס?

„איך האב געזוכט אין מיין הארץ און בעשלאסען מיך איבערצוגעבען צום ויין (דערווייל האב איך מיך פעסט געהאלטען אן חכמה) און אנכאפען דיא נארישקייטען ביז איך זאל זעהען וואס עס איז גוט פאר דיא מענשען־קינדער, וואס זייא זאלען טהון אונטער דעם הימעל אלע טעג פון זייער לעבען.

„איך האב מיר געמאכט גרויסע ווערקע, מיר געבויעט הייזער, געפלאנצט וויינגערטנער, איינגעריכטעט גערטנער און לוסט־גערטנער, און אין זייא געפלאנצט אלערלייא פרוכטען; איך האב מיר געמאכט וואסער־קאנאלען, אום פון זייא צו בעגיסען דעם וואלד וואס פראדוצירט בוימער; איך האב מיר געקויפט דיענער און דיענסטען, און פאמיליע האב איך געהאט; אויך פיעלע שאף און רינדער האב איך געהאט מעהר אלס אלע וואס זיינען געווען פאר מיר אין ירושלים. איך האב מיר אנגעזאמעלט זילבער און גאלד און טהייערע שעטצע פון קעניגע און לענדער; איך האב מיר איינגעשאפט זעננער און זעננגערינס און פערגניגענס פון מענשען־קינדער, וויא פערשיעדענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען.

„איך דיעזער ארט בין איך גרויס געווארען און איך האב אנגעזאמעלט מעהר אלס אלע אנדערע וואס זיינען געווען פאר מיר אין ירושלים: און מיין חכמה איז מיר אויך געבליעבען. און אלעס וואס מיינע אויגען האבען פערלאנגט, האב איך

זייא ניט ענטזאגט, איך האב ניט צוריק געהאלטען מיין הארץ פון פרייד... דאן האב איך מיך ארום געקוקט צו אלע ארבייטען וואס מיינע הענד האבען מיר איינ־געשאפט, אויף דער ארבייט וואס איך האב מיך בעמיהעט, און זעה, אלעס איז פוסט און א גייסטעס פלאג, און עס איז גאר קיין פערדיענסט אונטער דער זונן.

„און איך האב מיך אומגעווענדעט צו זעהען חכמה, דומהייט און נאריש־קייט... און איך אליין זעה, דיעזעלבע זאך פאסירט מיט אלע. דאן האב איך געזאגט אין מיין הארץ, דאס וואס עס פאסירט מיט דעם נאר, אזוי פאסירט אויך מיט מיר, און וואס האב איך דאָ אויפגעטהאָן מיט מיין חכמה? דאן האב איך געזאגט אין מיין הארץ, אז אויך דאס איז פוסט, ווייל עס גיבט קיין עראינערונג פון דעם הכם מיט דעם נאר אויף אייביג; ווייל דאס וואס עס איז יעטצט, וועט שפעטער אין גאנצען פערגעסען ווערען, און וויא שטאַרבט דאס דער חכם אזוי וויא דער נאר?

„דערפאר האב איך געהאסט דאס לעבען, ווייל אלעס וואס מען טהוט אונטער דער זונן, איז מיר שמערצהאפט, און אלעס איז פוסט און א גייסטעס פלאג.

„איך האב געהאסט אלעס איבער וואס איך האב מיך בעמיהעט אונטער דער זונן, ווייל איך דארף דאס לאָזען צו א מענשען וואס וועט זיין נאך מיר... וואס האט דען א מענש פון זיין גאנצער מיה און פון דער וועהטאג אין זיין הארצען, אין וועלכען ער האט געארבייט אונטער דער זונן? ווייל אלע זיינע טעג זיינען שמערצען און וועהטאָגען און אפילו בייא נאכט רוהט ניט זיין הארץ, אויך דאס איז פוסט. עס גיבט קיין זאך וואס זאָל זיין בעסער פאר דעם מענשען, וויא צו עסען און טרינקען, און ער זאָל זעהען זיין קערפער זאָל הנאה האבען פון זיין מיה. דאס האב איך אויך געזעהען איז פון גאָט'ס האנד...

„מיט יעדען פאסירט דיעזעלבע זאך: מיט דעם צדיק, רשע, גוטען, ריינעם, אונריינעם, און צו דעם וואס איז יא מקריב קרבנות און צו דעם וואס איז ניט מקריב קיין קרבנות; מיט דעם גוטען וויא מיט דעם זינדער; מיט דעם וואס שווערט יא און מיט דעם וואס האט מורא פאר א שבועה. דאס איז זעהר שלעכט מיט אלעס וואס איז אונטער דער זונן, וואס מיט יעדען פאסירט דאסזעלבע, און דיא מענשליכע הערצער זיינען פול מיט שלעכטעס, און דומהייט איז אין זייער הארץ כל־זמן זייא לעבען, און דאן געהען זייא איבער צו דיא טויטע.

„ווייל דער וואס איז נאך מיט דיא לעבעדינע, האט נאך האָפנונג, ווייל א

לעבעדיגער הונד איז בעסער אלס א טויטער לייב. דיא לעבעדיגע וויסען אז זייא דארפען לעבען, נאָר דיא טויטע וויסען גאר ניט, און זייא האבען אויך קיין בע־לוינונג, ווייל זייער ערינערונג איז שוין פערגעסען געוואָרען. אויך זייער ליעבע, זייער האס און זייער קנאה, איז שוין פערלוירען געגאנגען; און זייא האבען שוין קיין אנטהייל אויף אייביג אין דעם וואס עס ווערט אָבגעטהאָן אונטער דער זונן.״

אזוי רעדט שלמה, אָדער דער וואס האט געשריעבען קהלת, דאסזעלבע זאגט אויך א חכם פון אינדיען:

„סאקיא מוני (בודדהא), דער יונגער און גליקליכער יורש פון א גרויסען טראָהן, וועלכער האט נאך ניט געהאט געזעהען קיין קראנקהייט, אלטקייט און טויט, איז אמאל ארויס געפאָהרען שפאצירען און דערזעהן זעהר א מיאוסען אלטע, מאן אָהן צייהן. דער פרינץ איז געוועז שטארק פערוואונדערט, און געפרעגט דעם טרייבער וואס דאס בעדייטעט, און ווארום דער מאן געפינט זיך אין אזא טרויעריגען צושטאנד. ווען ער האט ערפאהרען, אז דאסזעלבע שיקזאל טרעפט יעדען מענשען, און אז ער אליין, טראָטץ דעם וואס ער איז א פרינץ און יונג, מוז אונבעדינגט אמאל אויך אזוי ווערען, האט ער ניט געקענט פאָרטזעטצען דעם שפאציר און גע־הייסען אומקעהרען דיא דראָשקע אהיים, דאמיט ער זאָל זיך דאס אלעס קענען איבערדענקען.

„ער האט זיך אָבגעשלאָסען אליין אין א צימער און דאס איבערגעדענקט. עס שיינט, אז ער האט וואהרשיינליך געדענקט איבער עפעס וואס האט איהם נעטרייסט, דען ער האט ווידער געהייסען איינשפאנען דיא דראָשקע און איז אויס־געפאָהרען, זייענדיג זעהר מונטער.

„דיעזעס מאל האט ער בעגעגענט גלאט א קראנקען מאן. ער האט פאר זיך ערבליקט איין אויסגעמאָגערטע און זעהר שוואכען מענשען, וועלכען׳ס געזיכט איז געוועזן שטארק בלוי און זיינע אויגען זעהר פערדונקעלט. דער פרינץ האט גע־הייסען בלייבען שטעהען און געפרעגט וואס דאס בעדייטעט ווען מען האט איהם דערצעהלט, אז דאס איז קראנקהייט, און יעדער מענש איז אונטערוואָרפען דערצו; דאס ער אליין, אָבוואָהל יונג און גליקליך, קען צו יעדען אויגענבליק קראנק ווערען, האט ער ווידער פערלוירען דעם חשק צום שפאצירען און געהייסען אומקעהרען אהיים.

„אין דער היים האט ער נאך אמאל געזוכט צו בערוהיגען זיין גייסט, און וויא

עס שיינט, האט ער זיך אויך בערוהיגט, ווייל ער איז באלד ווידער אויסגעפאָהרען מיט זיין דראָשקע.

„דיזעס מאל האט ער אויך דערזעהען א נייע זאך: איינינע מענשען האבען עפּעס פארבייא געטראגען. „וואס איז דאס?“ האט ער געפרעגט. „א טויטער קערפּער.“ און וואס הייסט דאס א טויטער קערפּער?“ דאריוף האט מען ער־קלערט דעם פרינץ וואס א טויטער קערפּער הייסט, און, עס וועט קומען די צייט, ווען ער וועט אויך אזוי זיין.

„דער פרינץ איז ארונטער פון דער דראָשקע און איז צוגעגאנגען צום טויטען קערפּער, איהם אויפגעדעקט און בעטראכט. „וואס וועט פון איהם ווערען?“ האט דער פרינץ געפרעגט. מען האט איהם געענטפערט, אז דער טויטער קערפּער וועט אריין געוואָרפען ווערען אין א לאָך וואס מען גראָבט אויס אין דער ערד. „ווארום?“ האט ער געפרעגט. „ווייל ער וועט שוין קיינמאל מעהר ניט לעבען, און נאָר נבלה מיט ווערים קען פון איהם ווערען.“ „און דאס פּאסירט מיט אלע מענשען? און דאסזעלבע וועט אויך זיין מיט מיר? מען וועט מיך אריין לעגען אין דער ערד איך זאָל שטינקען און פון מיר זאָלען ארוים קומען ווערים?“ „יא!“ האט מען איהם געענטפערט. „צוריק! מעהר וויל איך ניט שפּאצירען, און איך וועל שוין קיינמאל מעהר ניט שפּאצירען!“

„אויף דיזער ארט האט סאקיא מוני מעהר ניט געקענט געפינען קיין טרייסט אין לעבען, און ער האט בעשלאָסען, אז דאס לעבען איז זעהר א שלעכטע זאך, און ער האט אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו בעפרייען זיך און אויך אנדערע פון דעם לעבען, דאמיט נאך׳ן טויט, זאָל קיין לעבען מעהר ניט קומען, און זאָגאר צער־שטערען דעם וואָרצעל פון לעבען.“

אזוי רעדען אלע אינדישע חכמים. דאָ האבען מיר דעם איינציגען גראדען ענטפער וואס מענשליכער פערשטאנד קען געבען אויף דעם געהיימניס פון לעבען:

„דאס לעבען פון דעם קערפּער איז שלעכט און א ליגען, און דאפיר איז די פערניכטונג פון דיזען לעבען, די איינציגע גוטע זאך וואס מיר קענען ווינשען.“

אזוי זאגט סאָקראטעס.

שפּאָענהויער זאגט אזוי:

„לעבען איז שלעכט, ניט לעבען איז גוט. דאס גוטע אין לעבען, איז דער איבערגאנג פון עפּעס אין גאר ניט.“

אַלעס אין דער וועלט, דומהייטען און חכמה, רייכטהום און ארמוטה, פרייד און שמערץ, אַלעס איז פוסט און ווערטהלאָז. דער מענש שטארבט און עס בלייבט פון איהם גאר ניט איבער. „דאס איז אויך א פוסטע זאך,“ זאגט שלמה.

בודדהא זאגט:

„צו לעבען ניט וויסענדיג אז ליידען, קראנקהייט, אלטקייט און טויט זיינען אונפערמיידליך, איז אונמעגליך; דערפאר מוזען מיר לויז ווערען פון לעבען, און אויך לויז ווערען פון יעדער מעגליכקייט וואס פעראורזאכט לעבען.“

און וואס דיעזע מעכטיגע געדאנקען האבען געזאגט, וואס מיליאָנען און מיליאָנען מענשען האבען געדענקט און געפיהלט, האב איך אויך געדענקט און געפיהלט.

מיינע וואנדערונגען אויף דיא פעלדער דער וויסענשאפט, האבען ניט נאָר מיך ניט געקענט קורירען פון מיין פערצווייפלונג, זאָנדערן זייא האבען דאס נאך פערגרעסערט.

איין צווייג דער וויסענשאפט, האט גאר קיין ענטפער ביט געגעבען אויף דעם רעטענעש פון לעבען, איין אנדערע האט געגעבען א דירעקטען ענטפער וואס האט בעשטעטיגט מיין פערצווייפלונג, און מיר אויך בעוויעזען, אז מיינע געדאנקען זיינען ניט פערווירט, זאָנדערן זעהר שטארק און מעכטיג, ווייל איך דענק גראדע אזוי וויא דיא גרעסטע דענקער.

ניין, איך האב מיך ניט געקענט נארען. אַלעס איז מיר ערשיענען פוסט און וויסט. געבוירען צו ווערען איז דאס גרעסטע אונגליק. טויט איז פיעל בעסער וויא לעבען, און מען מוז זעהען לויז ווערען פון דער לבענס-לאסט.

7.

נאכדעם וויא עס איז מיר ניט געלונגען צו געפינען איין ערקלערונג אין וויסענשאפט, האב איך אָנגעפאנגען צו זוכען אין לעבען זעלבסט, האָפענדיג דאס פיעל־לייכט צו טרעפען אין דיא מענשען וואס זיינען ארום מיר. איך האב אָנגעפאנגען איינצופאסען מענשען וויא איך אליין בין געווען, שטודירען וויא זייא לעבען, און וויא זייא בעטראכטען, פון א פראקטישען שטאנדפונקט וואס דיא פראגע, וועלכע האט מיך געבראכט צור פערצווייפלונג.

יעטצט הערט וואס איך האב געפונען אונטער מענשען פון אזא קלאסע וויא איך בין און פון אזא בילדונג וויא איך האב גענאָסען. איך האב ענטדעקט פיער אויסוועגען אום לויז צו ווערען פון פערצווייפלונג.

דער ערשטער אויסוועג, איז אונוויסענהייט. דאס בעשטעהט אין דעם, וואס מען בעמערקט ניט און מען פערשטעהט ניט, אז לעבען איז שלעכט און דום. מענשען פון דיעזער קלאסע — מייסטענטהיילס זיינען דיעזע פרויען, אדער מענער וואס זיינען ענטוועדער זעהר יונג אדער זעהר דום, — האבען ניט פערשטאנען דאס רעטעניש פון לעבען וויא שאפּענהויער שטעלט עס פאר, אדער וויא שלמה און בודדהא ערקלערן עס. זייא זעהן ניט דעם קראקאדיל וואס ערווארטעט זייא, און אויך ניט דיא מייז וואס פרעסען דורך דיא פלאנצונג אן וועלכער זייא האלטען זיך אן, און זייא לעקען דעם האניג. זייא לעקען אבער נאר דעם האניג אויף א קורצער צייט; אירגענד עפּעס ציהט פריהער אדער שפּעטער צו זייער אויפמערקזאמקייט צום קראקאדיל און דיא מייז, און דער האניג פערלירט זיין זיסען טעם. פון דיעזער קלאסע מענשען האב איך גאר ניט געקענט לערנען, ווייל עס איז אונמעגליך צו פערשמייסען דאס וואס מיר ווייסען.

דער צווייטער אויסוועג איז צו זיין איין עפּיקורעער. דאס בעשטעהט אין דעם, אזוי וויא מיר ווייסען, אז דאס גאנצע לעבען האט גאר ניט ווערטה, זאלען מיר זיך פערשאפען אלעס וואס קען הייסען גוט, און אויסמיידען דעם בליק פון דעם קראקאדיל און דיא מייז, און מיר זאלען אויך זוכען דעם האניג איבעראל און פון איהם געניעסען אזוי פיעל וויא נאר מעגליך. שלמה אליין האט אויך פראבירט דיעזעס מיטעל.

אויף דיעזער ארט האנדלען זעהר פיעלע פון מיין קלאסע, און מאכען זיך דאס לעבען ערטרעגליך. זייא ווייסען מעהר פון דעם גוטען וויא פון דעם שלעכטען לעבען, און זייערע שטומפּיגע מאראלישע בעגריפע מאכען זייא פערגעסען, אז זייער זאָגענאנטעס גליק איז נאר צופעליג, און ניט אלע מענשען קענען האבען אזעלכע הארעמען און פּאלאסטען וויא שלמה האט געהאט. ניין, זייא זעהען עס ניט און שפּירען עס ניט, דאס צור צייט וואס איין מענש האט טויזענד ווייבער, זיינען פערהאנדען טויזענד מענער וואס האבען גאר ניט; אז יעדער פּאלאסט מוז געבויעט ווערען דורך טויזענדער מענשען מיט דעם שוויים פון זייער געזיכט, און, אזוי וויא דער צופאל האט מיך היינט געקענט מאכען פאר א שלמה, קען ער מיך מארגען מאכען פאר שלמה'ס א שקלאף. דיעזעלבע שטומפּיגע מאראלישע בעגריפע, מאכט אויך דיעזע לייטע פערגעסען וואס עס האט געשטערט בודדהא'ס רוהע, דאס הייסט, אונפערמיידליכע קראנקהייט, עלטער־שוואכקיים און טויט, וועלכעס קומט פריהער אדער שפּעטער און מאכט א סוף פון אלע פערגניגענס.

אזוי דענקען און פיהרען זיך דער מעהרצאהל מענשען פון אונזער צייט און

פון דער העכערער קלאסע. מאנכע רופען דאס אויך אפילו פאזיטיווע פילאזאפיע, אבער עס מאכט קיין אונטערשיעד צווישען זייא און דיעזע וואס ערבליקען דיא ריכטיגע פראגע און לעקען דאך דעם האניג.

איך האב ניט געקענט טהון דאסזעלבע וויא דיעזע מענשען; מיין פערשטאנד איז ניט געוועזן אזוי שטומפיג וויא זייערער, און איך האב שוין ניט געקענט איבערמאכען מיינע געפיהלע. וויא אווירקליכער לעבעדיגער מענש וואס פערשטעהט זיין צושטאנד, האב איך שוין ניט געקענט אבווענדען מיינע אויגען פון דעם קראקאדיל און דיא מייז, וועלכע איך האב איינמאל ערבליקט.

דער דריטער אויסוועג, איז דורך דער קראפט און ענערגיע פון דעם כאראקטער. דאס בעשטעהט אין דעם, וואס מיר צערשטערען דאס לעבען זא שנעל וויא מיר האבען בעמערקט, אז לעבען איז שלעכט און דום. נאר אזעלכע מענשען וואס בעזיטצען א שטארקען און שטאנדהאפטען כאראקטער, קענען אזוי האנדלען. פערשטעהענדיג דיא גאנצע דומהייט און דעם מיאוס'ען שפאס וואס מען שפיעלט מיט אונז, און בעגרייפענדיג פיעל בעסער דאס גליק פון דעם טויטען וויא פון דעם לעבעדיגען, מאכען זייא באלד איין ענדע פון דער לעבענס־טראגעדיע, און בענישען אירגענד א מיטעל וואס קען זייא בעפרייען — א שטריק ארום האלז, וואסער צום טרינקען זיך, א מעסער אין הארצען, אדער איין אייזענבאהן. דער צאהל פון דיעזע אונטער מיין קלאסע, וואס טהון עס, פערמעהרט זיך יעדעס מאל אלץ מעהר, [illegible] דיעזע וואס טהון עס, זיינען מייסטענטהיילס יונג, מיט זייער גאנצער פיזי[illegible]ראפט ניט אבגעשוואכט, און בלויז מיט א פאאר קליינע פעהלערן וואס קענען אנגרייפען א מענשען מיט גייסטיגע קראפט. איך האב איינגעזעהען, אז דיעזעס רעטונגס־מיטעל, איז דאס בעסטע, און איך האב מיך געוואלט דערמיט בעדיענען.

דער פיערטער אויסוועג איז דורך שוואכקייט. אבוואהל מען זעהט ארויס, אז דאס לעבען איז שלעכט און דום, לעבט מען דאך ווייטער אהן א פארוואס. מענשען פון דיעזער קלאסע וויסען גאנץ גוט, אז דער טויט איז בעסער וויא דאס לעבען, אבער זייער כאראקטער איז צו שוואך אום צו האנדלען וויא זייער פערשטאנד דיקטירט, וועלכער בעווייזט, אז זעלבסטמארד איז א בעפרייאונגס־מיטעל. צו דיעזער קלאסע מענשען האב איך אויך בעלאנגט.

אויף דיעזער ארט, רעטען זיך מענשען פון מיין קלאסע, אויף פיער פערשיעדענע אויסוועגען. איך האב געזוכט און אנגעשטרענגט מיין בעסטע גייסטיגע קראפט צו געפינען א פינפטען וועג, אבער איך האב ניט נעקענט.

דער ערשטער אויסוועג, ,ויא איך האב שוין געזאגט, איז, ניט צו וויסען, אז דאס לעבען איז א פּעקעל צרות מיט לייד. אָבער איך זאָל דאס ניט וויסען, איז געווען אונמעגליך, און כל־זמן איך האב שוין איינמאל געזעהען דיא וואהרהייט, האב איך מעהר מיינע אויגען ניט געקענט צו מאַכען.

דער צווייטער אויסוועג, איז, צו געניסען דאס שענסטע און דאס בעסטע יעטצט, און זיך ניט קימערן וואס מאָרגען וועט זיין. אויך דאס האב איך ניט גע־קענט טהון. גלייך מיט סאקיא מוני האב איך ניט געקענט ווייטער שפּאצירען זאָ־לאנג וויא איך האב בעמערקט עלטער־שוואכקייט, צרות און טויט. מיינע געדאנקען זיינען געווען צו לעבהאפט דאפיר און איך האב אלעס מיר פאָרגעשטעלט. אויסער דעם, האבען מיך דיא פּאאר פרעהליכע מינוטען וואס איך האב דאָך גענאָסען, גאר ניט געקענט טרייסטען.

דעם דריטען אויסוועג, מיר צו נעהמען דאס לעבען, ווייל לעבען איז איין אב־שייליכע זאך, האב איך ניט געקענט נעהמען, ווייל איך האב ניט געהאט מוטה גענוג צו שטארבען.

דער פיערטער אויסוועג איז צו אקצעפּטירען דאס לעבען וויא שלמה און שאָפּענהויער האבען עס ערקלערט, דאס הייסט, צו וויסען, אז לעבען איז נאריש און א מיאוסער שפּאס, און דעננאך לעבען, זיך וואשען, אָנקליידען, עסען, רעדען און יאָגאַר שרייבען ביכער. דיעזער צושטאנד האט מיך געעקלט, אָבער איך האב איהם דאָך אקצעפּטירט.

איך זעה יעטצט איין, אז איך האב מיך דערפאר ניט געטויטעט, ווייל אין מיין פערווירונג, האב איך דאָך נאך געהאט עפּעס א שוואכע אהנונג, אז מיינע אידעען זיינען נאך ניט אין גאנצען ריכטיג.

יא, טראָטץ דעם וואס איך האב מיך געזעהען דענקענדיג גלייך מיט דיא קליגסטע מענשען ,פון דער ערד, האב איך דאָך געשפּירט עפּעס א פערווירטען צווייפעל אויפשטייגענדיג אין מיר, אז מיינע בעשליסע זיינען נאך ניט אין גאנצען אמת. איך האב אזוי געטראכט:

„מיין פערשטאנד זאגט מיר, אז לעבען איז נעגען דעם פערשטאַנד. ווען עס גיבט קיין אנדערע זאך וואס איז העכער וויא דער פערשטאַנד (און עס גיבט אויך ניט,) דאן איז דער פערשטאַנד דער בעשעפער פון מיין לעבען; ווען עס זאָל ניט זיין קיין פערשטאנד, וואָלט איך אויך קיין לעבען ניט געהאט. וויא אלזאָ איז דאס מעגליך, אז פערשטאנד איז נעגען לעבען, ווען דער פערשטאנד שאפט לעבען?

דענקענדיג ווידער פון איין אנדערן שטאנדפונקט: ווען עס זאָל ניט זיין קיין לעבען, דאַן וואָלט איך ניט געהאט קיין פערשטאנד, פאָלגליך שטאמט דער פערשטאנד פון לעבען, און דאס לעבען איז אלסדינג. פערשטאנד איז דער פראָדוקט פון לעבען, און דעננאך איז דער פערשטאנד געגען לעבען."

איך האב געשפּירט, אז דאס איז עפּעס ניט אין גאנצען ריכטיג. איך האב ווידער אזוי געטראכט:

„דאס לעבען האט אָהנע צווייפעל, קיין בעדייטונג, און איז א שלעכטע זאך, אָבער איך האב געלעבט און לעב נאך, און אזוי האבען געלעבט און עס לעבען נאך מענשען. וויא איז דאס אלזאָ? צו וועלכען צוועק לעבען אלע מענשען, ווען אלע מענשען דארפען שטארבען? איז עס מעגליך, אז בלויז איך און שאָפּענהויער אליין, האבען פערשטאנען דיא אונבעדייטענדע פוסטקייט און שלעכטקייט פון לעבען?"

צו זעהען דיא ווערטהלאָזיגקייט פון דעם לעבען, איז גראדע א גאנץ איינפאכע זאך, און אפילו דיא איינפאכסטע מעניטען האבען עס שוין לאנג בעגריפען, און דענ־נאך לעבען מעניטען פארווערטס. יא, מענשען לעבען פאָרווערטס, אָבער זייא בע־מיהען זיך קיינמאל ניט נאכצודענקען איבער דעם פערשטאנד אין לעבען!

מיין אייגענע וויסענשאפט צוזאמען מיט דער וויסענשאפט פון דיא קלוגסטע מענשען, האט בעשטעטיגט, אז אין אלעס וואס עקזיסטירט, געפינט זיך דיא גרעסטע חכמה, וויא דאס איז אראנזשירט, בלויז איך אליין געפין זיך אין א נארישען צושטאנד. אָבער דאס מערקווירדיגסטע דערבייא איז, וואס דיא גרויסע מאסען פון דיא מיט־מענשען, וועלכע וויסען גאר ניט פון קיין וויסענשאפט און בע־גרייפען ניט קיין חכמות אין אלעס וואס עקזיסטירט, און דאך לעבען זייא אונטער פערנינפטיגע צושטענדען!

דאן האב איך אזוי געטראכט:

„פון וואנען וויים איך, אז איך בין שוין גאר דער חכם, און עס געפינט זיך ניט נאך עפעס פיר מיר צו וויסען און ערפאהרען? ווירקליך, וויא איך האנדעל, האנדעלט יעדער דומקאָפּ. עס איז אימער אזוי דער פאל; דער מענש האט א טבע אָנצורופען אלעס נארישקייטען, וואס ער פערשטעהט ניט. עס קומט אויס, לויט דעם וואס איך זעה, אז מענשען האבען אימער געלעבט און לעבען נאך, און זייא געפינען דערבייא א בעדייטונג אין לעבען. ווען לעבען זאָל טאקי ווירקליך זיין אזא דומהייט, ווארום האבען זיך אלע מענשען ניט פעראייניגט און בעשלאָסען

אויסצושטארבען? איך ווידער, זעה אין לעבען קיין בעדייטונג און איך קען ניט לעבען — ווארום איז דאס?"

ניעמאנד לייקענט אָב דעם פאקט, אז נאבדעם וויא מיר בעגעהען זעלבסט־מאָרד, לעבען מיר ניט מעהר. ווען איינער ליעבט ניט דאס לעבען, דאן זאָל ער בעגעהען זעלבסטמאָרד — אָבער דאן הערט דאָך שוין אויף יעדער ארגומענט איבער דעם לעבען.

גוט אלזאָ, ווען דאס לעבען געפעלט ניט, זאָל מען מאכען א סוף דערפון. ראכט זיך דאס איז דאָך גאנץ דייטליך? טראָגט דעם אָבער וואס מען מאכט דעם חשבון גאנץ ריכטיג, וויל זיך דאָך ניט שטארבען. ווארום איז דאס?

אונזער חכמה, וויא שטארק און מעכטיג זיא זאָל נאָך זיין, האט אונז ניט מיטגעטהיילט דיא בעדייטונג פון לעבען. מיט חכמה קענען מיר אלזאָ ניט ער־גרינדען דיעזעס געהיימניס. ווארום אלזאָ זעטצט פאָרט דיא גאנצע מענשהייט צו לעבען און געפינט דאָך א מיינונג אין דעם?

איך האב אָנגעהויבען צו בעטראכטען דיא דורות פון דעם גרויען אלטער־טהום. איך האב אָבער אויסגעפונען, אז מענשען, סאי ווען זייא האבען געלעבט, האבען זייא געפונען עפּעס א בעדייטונג אין לעבען, און דארויף געשטיטצט האבען זייא געלעבט. אלעס וואס איך זעה ארום מיר, איז אלץ דער פּראָדוקט פון זייער וויסענשאפט אין לעבען.

זאָגאר מיין גייסטיגער אינסטרומענט, מיין געהירן, איז אויסגעבילדעט געוואָרען ניט דורך מיר, זאָנדערן דורך זייא. איך בין געבוירען געוואָרען, אויפגע־צויגען און אויפגעוואקסען, אלץ דורך זייא.

זייא האבען אויסגעגראבען דאס אייזען, געמאכט שנייד־מעסערס, געלערענט וויא אויסצוהאקען דעם וואלד, צאהם מאכען קיה און פערד, פערזייען קאָרן, לעבען איינער מיט אנאנדער; זייא האבען געשאפען איין אָרדנונג און א פאָרמע אין לעבען; אויסערדעם האבען זייא מיך געלערענט וויא צו דענקען און וויא צו רעדען. און איך, זייער ווערק, זייער קינד, זייער שילער פון געדאנקען און ווערטער, גיה זייא בעווייזען, אז זייא האבען קיין בעדייטונג!

„דאָ מוז עפּעס זיין," האב איך מיר געטראכט, „וואס איז ניט ריכטיג. איך האב געמוזט מאכען עפּעס איין אירטהום." אָבער איך האב דאָך ניט געקענט ענטדעקען וואו דער אירטהום ליעגט.

8.

אלע דיעזע צווייפלען וואס איך קען יעטצט אויסשפרעכען, פיעל אָדער וועניג, דייטליך, האב איך דאמאלס ניט געקענט ערקלערען. איך האב בלויז דאמאלס גע־שפירט, אז טראַכטין מיין לאַנישער זיכערהייט, אז דאס לעבען איז א פוסטע זאך, מוז דאָך נאך עפּעס זיין א קליינער פעהלער אין מיין דענקען.

אויב דאס איז געלעגען אין דעם בעשלוס אָדער אין דער פראַגע, האב איך אליין ניט געוואוסט. איך האב בלויז געשטודירט, אז טראַכטין דעם וואס מיין פער־שטאנד איז געווען פאָלקאָמען איבערציינגט, איז דאס אליין אויך ניט גענוג געווען.

אלע מיינע בעווייזע און איבערציינגונגען האבען מיך ניט געקענט פיהרען דערצו, איך זאָל בענעהען זעלבסטמאָרד.

איך וועל ניט זאגען דיא וואהרהייט, ווען איך וועל בעהויפּטען, אז בלויז מיין פערשטאנד האט מיך דערצו געבראכט איך זאָל אזוי דענקען. דער פערשטאנד האט געוויס געארבייט, אָבער נאך עפּעס האט מיטגעארבייט, איין עפּעס וואס איך קען נאָר אָנרופען א נאַטירליכעס בעוואוסטזיין פון לעבען.

עס האט אין מיר אויך געארבייט א קראַפט וואס האט צוגעצווינגען מיין אויפ־מערקזאַמקייט מעהר צו איין זאך וויא צו איין אנדערער, און דאס האט מיך ארויס געצויגען פון דער פערצווייפלענדער לאַגע, און דאן גענצליך געענדיגט דעם לויף פון מיינע געדאנקען. דיעזע קראַפט האט מיך געפיהרט צו דער אידעע, אז איך, און נאך טויזענד אנדערע וויא איך בין, בילדען נאך ניט דיא מענשהייט, — אז איך וויים נאך אימער ניט וואס מענשליכעס לעבען איז.

ווען איך האב געשטודירט דיעזע מיט וועלכע איך פלעג מיך צוזאמען קומען, האב איך געזעהען בלויז מענשען וואס האבען ניט פערשטאנען דיא פראגע; מענשען וואס האבען אוועק געבויגען דעם פערשטאנד פון דיעזער פראגע, דורך דער אויפרעגונג אין לעבען; מענשען וואס האבען עס פערשטאנען און געמאכט א סוף פון זייער לעבען, און מענשען, וועלכע האבען עס יא פערשטאנען, האבען פאָרט־געזעטצט צו לעבען אין פערצווייפלונג.

קיין אנדערע האב איך ניט געזעהען.

מיר האט עס דאמאלס אויסגעזעהען, אז דיא קליינע קלאסע צו וועלכער איך האב דאמאלס בעלאַנגט, און געבילדעט געלעהרטע, רייכע און לעדיג־געהערס,

בילדען דיא גאנצע מענשהייט, וועהרענד אלע איבריגע מיליאָנען, לעבען נאָר וויא בהמות, און ניט וויא קיין מענשען.

עס איז מיר יעטצט גאַנץ אונפערשטענדליך, וויא אזוי איך האב דאמאלס געקענט דענקען, אז נאָר מיין לעבען, און דאס לעבען פון שלמה'ן מיט שאָפּענ־הויער'ן, האט ווערטה געהאט אָנצורופען לעבען; עס איז מיר אונבעגרייפליך, וויא אזוי איך האב גאר אין גאַנצען פערזעהען דאס לעבען פון א גאנצער וועלט אויסער אונז דרייא. אָבער וויא דיא זאַך איז, אזוי האב איך דאמאלס גדענקט.

פערפיהרט פון מיין וויסענשאַפטליכען שטאָלץ, האב איך גערעכענט, דאס אויסער מיר, שלמה און שאָפּענהויער, האט נאך קיינער ניט געשטעלט אזוי ריכטיג דיא פראגע איבער דער בעדייטונג פון לעבען, און עס קען גאר קיין אנדערע פאָרמע דערבייא ניט זיין. עס האט מיר אויסגעזעהען אונצווייפעלהאפט, אז אלע מיליאָנען מענשען האבען ניט געקענט בעגרייפען דיא טיעפקייט פון דער פראגע און איהר בעדייטונג.

אָבער דער שלום איז געוועזען, אז איך האב מיך אזוי געפרעגט:

„מילא איך בעהויפטע, אז דאס לעבען איז שלעכט און א מיאוסקייט און דערפאר איז ניט ווערטה צו לעבען; דיא מיליאָנען אנדערע מענשען אָבער בע־הויפטען, אז זייא לעבען, ווייל דאס לעבען האט ווערטה צו לעבען — וואס פאַר איין ערקלערונג געבען זייא דאריבער?“

אזוי, אין דיעזען צושטאנד, האב איך אָבגעלעבט זעהר א לאַנגע צייט, און אבוואָהל איך האב מיינע אידעען און טהעאָריען ניט עפענטליך ארויס געזאגט, איז עס אָבער געוועזען זעלבסטפערשטענדליך פון מיין לעבען און פון מיינע האנדלונגען, אז אזוי דענק איך, גראדע וויא עס איז דער פאל מיט מאנכע אנדערע פון מיין קלאַסע, וועלכע צעהלען זיך צו דיא ליבעראלסטע און געלערנטע פון דער געזעל־שאפט.

איך האב אימער געהאט א ליעבע אָדער א נייגונג צו דיא ארבייטער קלאַסען, און דאס האט מיך מעהרערע מאל געטריעבען איך זאָל זייא שטודירען און איינ־זעהען, אז זייא זיינען ניט אזוי דום און נאריש וויא מיר רעכענען זייא. דאס איז געוועזען איין אורזאכע ווארום איך בין ניט צופריעדען געוועזען מיט מיינע פריהעריגע פילאָזאָפישע בעשליסע. דאן האב איך גלאט געצווייפעלט, אויב אויפהייננגען זיך קען שוין אלעס ערקלערען איבער דיא געהיימניסע פון לעבען, און צוזאמען אלזא, האב איך בעשלאָסען צו לעבען און זוכען צו ערפאהרען אלעס מעגליכע. איך האב איינגעזעהען, אז זוכען דיא בעדייטונג פון לעבען, קען מען דאס ניט געפינען אונטער

דיעזע וואס האבען פערלוירען דעם חשק צום לעבען און ווילען בעגעהען זעלבסט־מאָרד, זאָנדערן אונטער דיא לעבעדיגע און טויטע, וועלכע האבען געמאכט פון אונזער לעבען דאס וואס עס איז, און אויף ווענען עס ליעגט יעטצט דיא לאַסט פון אונזער גאנצעס לעבען.

אויף דיעזער ארט האב איך אָנגעפאנגען צו שטודירען דיא גרויסע מאסע טויטע און לעבעדיגע, דאס לעבען פון דעם פּראָסטען, אונגעבילדעטען און ארמען מענשען, און, איך האב ווירקליך ענטדעקט דאָרט עפּעס גאנץ פערשיע־דענעס.

איך האב איינגעזעהען, אז אַלע דיעזע מיליאָנען, מיט גאנץ קליינע אויס־נאהמען, קומען נאר ניט אונטער דער קלאסען־פערטהיילונג וואס איך האב פריהער געמאכט.

איך האב זייא ערשטענס ניט געקענט צעהלען צו דער קלאסע וואס שטעלען זיך ניט דיא פראגע איבער דעם לעבען, ווייל איך האב אויסגעפונען, אז זייא שטעלען דיא פראגע זעהר קלאָר און דייטליך און בעענטפערן דאס אויך אזיך דער־זעלבער ארט.

אונטער דיא עפּיקורעער האב איך זייא אויך ניט געקענט צעהלען, ווייל זייער לעבען ענטהאלט מעהר צרות, מאנגעל, נויט און לייד, וויא פערגניגען און אונטערהאלט.

זייא צו צעהלען צו דיעזע, וואס מאכען דורך א לעבען גאר אָהן פערשטאנד און רעכנונג, איז אונמעגליך געווען דערפאר, ווייל ניט נאָר אלע זייערע טהאטען זיינען בייא זייא ערקלערט, זאָנדערן אויך דער טויט האט א קלארע בעדייטונג.

וואס עס אנבעלאנגט זעלבסטמאָרד, קוקען דאַרויף דיעזע מענשען, אלס דאס שלעכטעסטע און ערגסטע אין דער וועלט.

דאמאלס האב איך מיך איבערצייגט, אז אונטער דער מענשהייט הערשט עפּעס א געפיהל איבער דער בעדייטונג פון לעבען, וואס איך האב ביז דאמאלס פערנאכלעסיגט און פעראכטעט.

אזוי קלערענדיג און טראכטענדיג בין איך געקומען צום בעשלוס, אז דיא וויסענשאפט, וואס איז געגרינדעט אויף פערשטאנד, איז א געגנער פון דעם לעבען, וועהרענד דיא מיינונג וואס דיא מיליאָנען מענשען געבען דעם לעבען, בערוהט נאר אויף אזא זאך, וואס דיא וויסענשאפט פערנאכלעסיגט און פעראכטעט.

דיא וויסענשאפט וואס בערוהט אויף פערשטאנד, דיא וויסענשאפט פון דיא געלערענטע און קלוגע, בעהויפּטעט אז דאס לעבען איז ניט ווערטה צו לעבען,

וועהרענד דיא גרויסע מאסע פון דער איבריגער מענשהייט, בעזיטצט איין אונפּער־שטענדיגעס בעוואוסטזיין, וואס ערקלערט יא דיא בעדייטונג פון לעבען.

זוכענדיג אום צו געפינען וואס דאס איז, וועלכעס גיבט דער מאסע דיא מעגליכקייט הנאה צו האבען פון לעבען, האב איך אויסגעפונען, אז דאס איז פער־טרויען און גלויבען, וועלכעס איך האב העכסטענס געקענט פערשמייסען. עס איז א גלויבען אין איין גאָט, וועלכער איז דאָך דרייא; עס איז א גלויבען וואס לערענט, אז דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען אין 6 טעג מיט דיא טייפלען און מלאכים; און נאך אנדערע זאכען, וואס איך קען ניט גלויבען, כל־זמן איך בין נאך בייא מיין געזונדען מענשענפערשטאַנד.

איך האב געוואוסט, אז פון דער וויסענשאפט וואס דער פערשטאַנד האט מיר געגעבען, קען איך בלויז בעטראַכטען דאס לעבען אַלס אונווירדיג, און צו אַק־צעפּטירען גלויבען, אָבוואָהל מיט אזוי פיעל טרייסט דארונטער, איז מיר אבסאָלוט אונמעגליך געוועזן.

יעטצט האב איך ווידער אָנגעפאנגען צו מאכען א חשבון און זעהען וואס איך האב אויסגעפונען. דיא אונטערשטע שורה איז אזוי געוועזן:

1) דער פערשטאַנד לערענט מיך, אז דאס לעבען איז א שלעכטע זאך און דיא מענשען וייסען וואס פאר א סחורה דאס איז; אז מענשען וואָלטען געקענט אויפהערען צו לעבען, ווען זייא זאָלען וועלען, נאָר זייא לעבען דאָך — איך אליין לעב אויך, טראָטץ וואס איך וויים שוין זייט לאַנג, אז דאס לעבען איז פוסט און עס גיבט קיין גוטעס אין דעם.

2) דיא צווייטע זייט, דער גלויבען, האט יא עפּעס א מיינינג איבער דעם לעבען און קען מאכען דיא וועלט גאַנץ אינטערעסאַנט כל־זמן מען לעבט, אָבער אום דאס צו טהון, מוז מען פערשמייסען דעם פערשטאַנד.

9.

איך בין געבליעבען שטעהען אום איבערצודענקען גוט צו וואס פאר א ביז־שלום איך בין געקומען, און איך האב אזוי געזאגט:

„ענטוועדער איז דאס וואס איך רוף פערשטאַנד ניט אזוי פערשטענדיג וויא איך האב געדענקט, אָדער דאס וואס איך רוף אונפערשטענדיג, איז נאך אַלעמען דאָך פערשטענדיגער וויא איך האב מיר פאָרגעשטעלט."

איך האב אָנגעפאנגען ווידער איבערצוזיפען מיינע געדאנקען און זעהן טאָמער

האב איך ערניין געמאכט א פעהלער, אָבער איך האב אייננעזעהען, אז אלעס איז ריכטיג און פרייא פון איין אירטהום.

אלזא, דער שטראָם פון געדאנקען, איז געווען א גאנץ לאָנישער, און וואוהין איך האב מיך געווענדעט, האב איך אלץ געטראָפפען דעם ענטפער, אז לעבען איז א גאר ניט; אָבער נאך אלעמען, דאס הייסט, שוין נאך דער עקזאמינאציאָן פון מיינע געדאנקען, האב איך געטראָפפען א טעות. דער טעות איז בעשטאנען אין דעם, וואס איך האב ניט פערוועגדעט מיינע געדאנקען צו דער ריכטיגער פראגע.

נאך אמאל: דיא פראגע איז געווען: ווארום זאָל איך לעבען? דאס הייסט: וואס פאר א ווירקליכעס און אונפערלוירענעס קען בלייבען פון מיין שאטען און שטערבענדעס לעבען? וואס פאר א שייכות האט מיין ענדליכע עקזיסטענץ, צו דער אונענדליכער וועלט?

אום דאס צו בעענטפערן, האב איך אָנגעפאנגען צו שטודירען דאס לעבען.

וויא עס האט אויסגעזעהען, האט דער בעשלוס פון אונצעהליגע פראגען וואס איך האב מיר געשטעלט איבער לעבען, מיך ניט געקענט צופריעדען שטעלען און בערוהיגען.

דאכט זיך יעדע פראגע איז אנפאנגס געווען אזוי אייגפאך און אזוי דייטליך, נאָר וויא איך האב אָנגעפאנגען דיעזע צו צערגליעדערן, האב איך מיך פלוצלינג געזעהען ארום געריננעלט מיט דער אונענדליכקייט, און עס מיר אויסגעקומען צו פערענטפערן איין אונענדליכקייט מיט דער צווייטער, אָדער מיין ענדליכקייט אלס מענש, מיט דער אונענדליכקייט פון דער וועלט.

אָבער איך האב מיך ניט צוריק געשראָקען פון פיעלען און טיעפען דענקען, און איך האב ענדליך אויסגעלייטערט אלע פראגען אין איינער, וועלכע איז בעשטאנען אין דעם: „וואס פאר א בעדייטונג האט מיין לעבען אויסער דער צייט, אורזאכע און רוים?" דער שלוס איז געווען דער אלטער, וועלכער האט געקלויטעט: „דיין לעבען האט גאר קיין בעדייטונג."

וועהרענד מיין דענקען, טראכטען און שטודירען דיעזע אלע פראגען מיט זייערע איינצעלהייטען, און פערגלייכענדיג אונענדליכקייט מיט אונענדליכקייט, ענדליכקייט מיט ענדליכקייט און אומגעקעהרט, בין איך געקומען צום געצוואונגענעם בעשלוס, אז: א קראפט איז א קראפט, שטאף איז שטאף, ווילען איז ווילען, אונענדליכקייט איז אונענדליכקייט, גאר ניט איז גאר ניט — און אויסער דעם איז קיין אנדערער רעזולטאט ניטאָ.

מיט מיר האט עס פּאסירט וויא מיט דער מאטהעמאטיק, דאס ווען מיר זוכען איין עקוואציאָן (פערגלייכונגס־צאָהל) טרעפען מיר בלויז איין עהנליכע בע־דייטונג, אָדער, בעסער געזאגט, נאָך אמאל דיעזעלבע פראגע וואס מיר האבען געשטעלט.

דיא אונטערשטע שורה זעהט אימער אויס פאָלקאָמען, ריכטיג, נאָר דער חשבון קומט אויס אונגעפעהר אזוי:

a—a, x—x, o—o.

אזוי האט עס אקוראט פּאסירט מיט מיינע פראגען. איך האב אָנגענומען איין פראגע און געגאנגען זוכען איין ערקלערונג איבער איהר אין איין אנדערע פראגע. אָבער איבעראל האב איך געטראָפען דעמזעלבען רעזולטאט, אז גאר ניט מיט גאר ניט איז גאר ניט.

שטרענגע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג, וויא דער גרויסער פראנצויזישער דענקער דעקארט, האט איינגעפיהרט, פאנגט אָן מיט דעם צווייפלען אין אלעמען וואס עקזיסטירט. ער פערשמייסט אלע וויסענשאפטען וואס זיינען געגרינדעט אויף גלויבען, און ער עטאבלירט זייא ווידער לויט דיא געזעטצע פון דעם פערשטאנד און דיא ערפאהרונג אין לעבען. ווען איך האב אָנגעווענדעט זיין מעטהאָדע אין דענקען איבער דער מיינונג און בעדייטונג פון לעבען, בין איך געגאנגען אזוי לאנג פאָרווערטס, ביז איך בין געקומען צום שלוס פון איין אונענדליכער אונ־וויסענהייט.

אזוי האט עס אויסגעזעהען, אז דיא וויסענשאפט האט נאָר געגעבען איין דייטליכען ענטפער דורך שאָפּענהויער'ן, וועלכער בעהויפּטעט: „לעבען האט קיין בעדייטונג, עס איז א שלעכטע זאך."

דיעזע אידעע איז אָבער געווען א גאנץ פריהערינגע אין מיין געהירן; יעטצט, ווען איך האב גאנץ גוט אונטערזוכט דיא איינצעלהייטען, האב איך פערשטאנען, אז אזא ענטפער איז נאָר געווען א רעזולטאט פון מיינע געפיהלע, און וויל איך האב אזוי געשפּירט, האט זיך מיר געדאכט, אז אזוי איז עס, ווערהרענד מיין פער־שטאנד איז אָבער נאך ניט צופריעדען געווען דערמיט. מיין פערשטאנד האט גע־שפּירט, אז ניט דאס איז דער ריכטיגער ענטפער, און איך בין נאך מעהר פערווירט געוואָרען.

דאס וואס בודדהא זאגט, שלמה בעהויפּטעט און שאָפּענהויער לערענט, זיינען אפילו דרייא ענטפערס, אָבער זייא זיינען אלע דרייא דיעזעלבע זאך, אז לעבען איז גאר ניט, אָדער גאר ניט מיט גאר ניט בלייבט גאר ניט.

אין דערזעלבער צייט אָבער, האב איך איינגעזעהען, אז דיא פילאָזאָפישע וויסענשאפט לייקענט גאר ניט אָב, זאָנדערן זיא ענטפערט בלויז, אז אז אלעס איז אונענדליך, און פאָלגליך זיינען אויך דיא ענטפערס אונענדליך, טראָטץ דעם וואס זיא פראָבירט פון זייא צו מאכען איין ענדע.

קומענדיג צו דיעזען בעשלוס, האב איך פערשטאנען, אז עס לוינט זיך מעהר ניט צו זוכען איין ענטפער אויף מיין פראגע אין דער וויסענשאפט, ווייל דיא וויסענ־שאפט בעוויזט בלויז, אז וויא מיר זאָלען שטעלען דיא פראגע, ווען מיר אלץ אייך איהר ניט קריעגען קיין ענטפער, סיידען מיר זאָלען נאָר וועלען פערגלייכען דיא ענדליכקייט מיט דער אונענדליכקייט, און וויסענשאפטליך וויעדער, קען אזא ענטפער ניט צופריעדען שטעלען.

דאַן ערשט האב איך אָנגעהויבען צו בעגרייפען, דאס וויא לעבערליך, וויא דום, און וויא נאריש דאס זאָל זיין, קען מען בלויז אויף איין פלאטץ געפינען איין ענטפער וואס זאָל צופריעדען שטעלען, און דאס איז דער גלויבען, וועלכע בע־ענטפערט אפילו דעם שייכות צווישען ענדליכקייט און אונענדליכקייט, אָדער צווישען מענש און וועלט.

דורך גלויבען געהט אלעס זעהר לייכט און גאנץ איינפאך. ווען איך שטעל מיר דיא פראגע: „וויא דארף איך לעבען?" קריעג איך באלד דעם ענטפער: „דורך דיא געזעטצע פון גאָט." ווען איך פרעג מיך וויעדער: „וועט עפּעס פאָ־זיטיוועס ווערען פון מיין לעבען, און וואס קען דאס זיין?" האב איך באלד איין ענטפער: „ענטוועדער אייביגען גיהנום אָדער אייביגען גן־עדן." דאַן דיא הויפט פראגע: „ניבט עפּעס א בעדייטונג אין לעבען וואס קען ניט צערשטערט ווערען דורך טויט, און וואס איז דאס?" דער ענטפער איז: „דיא פעראייניגונג און פער־זיכערונג אויף גאָט, וועלכער בעלוינט מיט גן־עדן."

ניין, ניין, דער שכל וויל דאס ניט אקצעפּטירען, ער וויל אזעלכע נאריש־קייטען ניט אָננעהמען, וועלכע האבען מיט שכל ניט צו טהון, אָבער וואס טויג דער שכל ווען דיא נארישקייט גילט? איך האב אָנגעהויבען צו בעטראכטען מיך און נאך אזעלכע וויא איך בין געוועזען, און געזעהען, אז מיט אונזער שכל, זיינען מיר אונצופריעדען און אונגליקליך, וועהרענד פון דער אנדערער זייט וויעדער, האב איך געזעהען וויא דער גלויבינגער איז ניט נאָר צופריעדען, זאָנדערן אויך גליקליך.

דאס האט מיך געפיהרט דערצו צו בעהויפּטען, אז אויסער דער שכל'דיגער וויסענשאפט אין מענשען, וועלכע איך האב אמאל גערעכענט אלס דיא איינציגע

וואהרע וויסענשאַפט, ליעגט אויך א ניט־שכל׳דיגע וויסענשאַפט, וועלכע גיבט דיא מעגליכקייט צו גלויבען און זיין גליקליך.

ווען דיא שכל׳דיגע וויסענשאַפט האט מיך געבראַכט צום בעשלוס, אז דאס לעבען אין מיר האט קיין בעדייטונג. איז מיר דאס לעבען נמאס געוואָרען און איך האב געוואָלט דערפון מאכען איין ענדע.

ווען איך האב ווידער געקוקט צו דיא מענשען ארום מיר, צו דער אַלגע־מיינער מענשהייט, און נעזעהען וויא מענשען לעבען, האב איך איינגעזעהען, אז אום צו לעבען איז דיא שכל׳דיגע וויסענשאפט ניט דאס מיטעל דאפיר. יא, אום צו לעבען און געפינען א בעדייטונג אין לעבען, מוז מען האבען גלויבען און פער־טרויען.

שטודירענדיג דאס לעבען אין אנדערע לענדער, אויסער רוסלאנד, וויא אויך דאס לעבען אונטער דיא מענשען צווישען וועלכע איך האב מיך געפונען, האב איך איינגעזעהען, אז דאס לעבען איז איבעראַל דאסזעלבע.

פון דעם אנפאנג דער מענשהייט, וויא עס איז נאָר ערשיענען לעבען, איז אויך ערשיענען פערטרויען אָדער גלויבען, וואס האט פעראורזאכט דאס לעבען זאָל זיין ערטרעגליך, און איבעראַל האט עס געפיהרט צו דעמזעלבען רעזולטאט.

עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס פאר איין ענטפער דער גלויבען גיבט צו יעמאנדען, עס איז איבעראַל דאסזעלבע, דער גלויבען פערענטפערט דעם שייכות צווישען דאס ענדליכע און אונענדליכע, און גיבט א בעדייטונג פיר דאס ענדליכע לעבען פון א מענשען, און דיזע בעדייטונג, טריומפירט אימער איבער צרות, נויט, לייד און טויט.

אין גלויבען אליין קען מען דערפאר געפינען דיא איינציגע מעגליכקייט צו לעבען און אויך א בעדייטונג פיר דאס לעבען.

אָבער וואס איז גלויבען?

אום דאס בעענטפערן האב איך פיעל נאכגעקלערט און בין געקומען צו פאָלגענדען בעשלוס:

גלויבען איז ניט נאָר דער בעגריף פון זאכען וואס מען זעהט ניט, גלויבען איז ניט נאָר א התגלות, ענטפלעקונג פון זאכען וואס מען וויים ניט, און איז אויך ניט נאָר דער שייכות צווישען מענשען און גאָט, זאָנדערן, עס איז דיא וויסענשאַפט פון לעבען. גלויבען איז דער מעכטיגער זאָל אַן וועלכען דער מענש האַלט זיך פעסט אום זיך ניט צו טויטען, און ער לעבט פאָרווערטס. גלויבען איז דיא קראַפט פון לעבען.

ווען א מענש לעבט, דאן גלויבט ער אין עפּעס. עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס דער עפּעס איז, ער גלויבט. ווען דער מענש וואס לעבט, וואָלט ניט געגלויבט, אז עס איז דאָ עפּעס פּאר וועלכען עס איז ווערטה צו לעבען, וואָלט ער ניט געלעבט. ווען ער זעהט ניט און פערשטעהט ניט דיא ווירקליכקייט פון איין ענדליכער זאך, דאן גלויבט ער אין דעם. אָהן גלויבען האט לעבען קיין ווערטה ניט.

קומענדיג צו דיעזען בעשלוס, האב איך אָנגעפאנגען צוריק צו געהען אָדער דורכזועהען אלע מיינע געדאנקען פון דער פערגאנגענהייט, און עס האט מיך געשווינדערט.

עס איז בייא מיר יעטצט געוועזן דייטליך, דאס אום יעמאנד זאָל לעבען, מוז ער ענטוועדער גאר ניט וויסען פון דער אונענדליכקייט, אָדער זיך ערקלערען דיא בעדייטונג פון לעבען דורך א שייכות צווישען דער ענדליכקייט און אונענדליכקייט.

איבערקוקענדיג מיינע געדאנקען פון דער פערגאנגענהייט, איז עס געוועזן וויא א ספר הזכרונות פון א לאנגער רייהע פערצייכענטע פאקטען.

וואס האב איך געטהאָן ווען איך האב געזוכט איין ענטפער אין דעם שטודיום פון פּראָבירענדער וויסענשאפט? איך האב דאמאלס געוואָלט וויסען צו וועלכען צוועק איך לעב, און דאפיר האב איך שטודירט אלעס ארום מיר און אויסער מיר. דאס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אויף דיעזער ארט, האב איך געקענט זעהר פיעל לערנען, אָבער דאָך ניט ערפאהרען דאס, וואס איך האב בעגעהרט.

וואס האב איך געטהאָן ווען איך האב געזוכט איין ענטפער אין שטודיום פון פילאָזאָפיע? איך האב שטודירט דיא געדאנקען פון אנדערע, אין דעמזעלבען צושטאנד וויא איך, און וועלכע האבען אויך ניט געהאט קיין ענטפער אויף דער פראגע — וואס איז לעבען? דאס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אויף דיעזער ארט האב איך גאר ניט געקענט ערפאהרען מעהר וויא איך אליין האב געוואוסט, דאס הייסט, אז עס איז אונמעגליך עפּעס צו וויסען.

„וואס בין איך? — א טהייל פון דער גאנצער אונענדליכקייט! אָט אין דיעזע עטליכע ווערטער איז געלעגען דאס גאנצע רעטעניש.

איז עס מעגליך, אז דיא מענשען האבען זיך נאָר וואס אָנגעהויבען צו שטעלען דיא פראגע? איז עס מעגליך, אז ניעמאנד פאר מיר, האט זיך געשטעלט דיעזע איינפאכע פראגע, וועלכע זאָגאר איין אינטעליגענטעס קינד מוז פרעגען?

זייט דער מענש איז ערשיענען אויף דער ערד, איז שוין דיעזע פראגע יא געשטעלט געוואָרען, און זיא איז אויך פערענטפערט געוואָרען. אָבער דער ענטפער האט אויך ניט צופריעדען געשטעלט. דער ענטפער איז, אז איך מענש, איין ענד־ליכער טהייל, בעלאנגט צו דער גאנצער אונענדליכקייט — וואס ווערט אלזאָ דערפון ? וואס קומט מיר ארויס ?

אַלע דיעזע בעגריפע פון דער גלייכהייט צווישען דאס ענדליכע און אונענדליכע, דורך וועלכע מיר ערהאלטען דיא אידעען פון לעבען, גאָט, פרייהייט און גוטעס, ווען מיר שטעלען זייא אונטער דער פּראָבע פון א לאָגישער אונטערזוכונג, מוזען זייא פאלען דורך דיא שטרענגע געזעטצע פון פערשטאנד.

אָבער ווייסט איהר וויא דאס זעהט אוים ! דארויף האב איך מיר אזוי גע־ענטפערט : ווען עס וואָלט ניט זיין אזוי שרעקליך, וואָלט מען געקענט לאכען פון אונזער שטאָלץ און זעלבסט־פערטרויען, דאס מיר, גראדע וויא קינדער, נעהמען א זייגערל, ציהען דערפון אַרויס דיא ספּרונזשינע, מאכען דערפון א שפּיעלצייג, און מיר וואונדערן זיך נאכהער, וואס דאס זייגערל געהט ניט ריכטיג.

דער בעשלוס פון דעם ווידערשפּרוך צווישען דאס ענדליכע און דאס אונ ענדליכע, און דער ענטפער וואס פערלאנגט אום מיר זאָלען קענען לעבען — איז דיא איינציגע זאך וואס מיר פערלאנגען און איז בייא אונז זעהר טהייער.

דיעזער ענטפער, אום אונז צו בערוהיגען און מאכען דאס לעבען ערטרעגליך, איז נעגעבען געוואָרען איבעראל, אונטער אלע נאציאָנען און אונטער אלע מענשען, און איז געגאנגען בקבלה פון דור צו דור ביז צו אונזערע צייטען, אָבער מיר מענשען, אין אונזערער נאכלעסיגער גלייכגילטיגקייט, מיידען אוים דעם ענטפער און מיר שטעלען זיך נייע פראגען אויף וועלכע מיר האבען קיין ענטפער.

דער בעגריף פון איין אונענדליכער גאָטהייט, פון אונשטערבליכע נשמה, פו דער בעציהונג צווישען גאָט און מענש, פון דער פעראייניגונג צווישען קערפּער או־נייסט, דער בעגריף פון מאָראַלישעם גוטעס און שלעכטעס, אַלע דיעזע בעגריפע זיינען אויסגעארבייטעט געוואָרען דורך דיא אונענדליכע גייסטיגע פעהיגקייטען פון דער מענשהייט. אָהן דיעזע בעגריפע, קענען מיר ניט לעבען, אָהן זייא קען איך ניט עקזיסטירען, און, נאך אַלעמען, האב איך דיא חוצפּה צו פערשמייסען דיא אַרבייט פון דער גאנצער מענשהייט און איך פאנג אָן אויסצוארבייטען נייע אויפגאבען לויט נאך מיין אייגענעם פּלאן.

איך בין מודה, אז דאמאלס האב איך ניט אקוראט אזוי געדענקט, אָבער א טהייל פון דיעזע געדאנקען האבען זיך שוין אין מיר ערוועקט.

איך האב פערשטאנען, 1) אז דיא ערקלערונג וואס שפּאָפּענהויער, שלמה און איך האבען גענעבען, איז א דומע ערקלערונג: מיר פערשטעהען אז דאס לעבען איז שלעכט און ניט ווערטה צום לעבען, און דאך לעבען מיר. דאס איז געוויס דום, דען זאָלאנג דאס לעבען איז דום און איך אכטע אזוי פיעל דעם פערשטאנד, דאן דארף איך מאכען איין ענדע פון מיין לעבען, און יעדער ווערט צוגעבען, אז איך האב ריכטיג געהאנדעלט.

2) איך האב פערשטאנען, אז אלע אונזערע ארגומענטען דרעהען זיך אויף איין אקס, און וויא זייא זאָלען ערשיינען, זיינען זייא אימער דיעזעלבע, און מיר קענען קיין ענטפער קריענען אויף אונזער פראגע. דיא מעטהאָדע פיר אזעלכע ארגומענטען, איז אלזאָ ענטוועדער דום אָדער ניט ריכטיג.

3) איך האב פערשטאנען, אז אין דיא ענטפערס וואס גלויבען גיבט, ליעגט וואהרשיינליך דער טיעפסטער קוואל פון מענשליכען פערשטאנד, דאס איך האב קיין פערנינפטינעס רעכט דיעזע ענטפערס צו פערשמייסען, און דאס זייא אליין זיינען דיא איינציגע מיטלען דורך וועלכע מען קען בעענטפערן דיא פראגע פון לעבען.

## 10.

איך האב גאנץ גוט פערשטאנען וואס איך האב פריהער אָבגעשילדערט, אָבער דאס האט נאך ניט ארונטער גענומען דעם שטיין פון מיין הארץ.

אונטערדעסען האב איך בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו גלויבען. איך בין געווען בערייט צו אקצעפּטירען אירגענד א גלויבען, אבי דיעזער זאָל נאָר ניט זיין א דירעקטער ווידערשפּרוך צו מיין פערשטאנד, ווייל דאס וואָלט דאמאלס געהייסען א שענדליכער בעטרוג גענען דאס אייגענע געוויסען.

איך האב אָנגעפאנגען צו שטודירען דיא ביכער פון דיא בודדהיסטען און דיא מאָהאמעדאנער, און איבערהויפּט האב איך מיך אינטערעסירט מיט דעם קריסטענטהום, אי מיט דיא ביכער אי מיט דיעזע וואס האבען פאָרגעשטעלט דיעזע רעליגיאָן.

זייענדיג געבוירען אונטער קריסטען און לעבענדיג אונטער אזעלכע מענשען, האב איך מיך געווענדעט צו דיעזער רעליגיאָן, דאן צו איהרע געלערענטע מענשען, צו דיא אָרטהאָדאָקסישע גייסטליכע, צו דיא פאָרשטעהער פון דיא מאָנארכען, און צו דיא פרעדינער פון דיא נייע קריסטען, וועלכע פרעדיגען גליק דורך דעם גלויבען

אין קריסטוס׳ן. איך האב מיך אָנגעכאַפּט אן דיעזע גלויבינע און זייא געפרעגט אין וואס זייא גלויבען, און וואס פאַר איין ערקלערונג זייא געבען איבער דעם רע־טענעש פון לעבען.

אונגעאַכטעט דארויף וואס איך האב נאכגעגעבען אזוי פיעל וויא נאָר מעגליך און אויסגעמיעדען אלע ויכוחים, האב איך דאָך ניט געקענט אקצעפּטירען דעם גלויבען פון דיעזע מענשען.

איך האב איינגעזעהען, אז דאס וואס זייא רופען אָן גלויבען, פערדונקעלט גאר, אנשטאט צו ערקלערען דיא בעדייטונג פון לעבען, און זייא גלויבען ניט דער־פאר אום צו קענען בעענטפערן דיא פראגען פון לעבען, וויא איך האב גערעכענט, זאָנדערן גאר צו איין אנדערן צוועק, וועלכער איז מיר געוועזען אונבעקאַנט.

איך קען מיך ערא‌ינערן וויא שרעקליך מיין געפיהל איז דאמאלס געווען, ווען איך האב מיך דערמאָהנט, אז איך וועל מיך מוזען צוריק קעהרען צו דעם אלטען געדאנק פון פערצווייפלונג, נאכדעם וויא איך האב געהאָפט, אז אונטער דיעזע מענשען וועל איך שוין געפינען א רפואה צו דער מכה.

וואס בעסער און וואס גענויער זייא האבען מיר ערקלערט זייערע לעהרען, אלץ דייטליכער האב איך ארויס געזעהען זייער אירטהום, און איך האב אלץ מעהר פערלוירען דיא האָפנונג צו געפינען אין גלויבען איין ערקלערונג צו דער פראגע פון לעבען.

א מעררווירדיגען איינדרוק האבען אויף מיר געמאַכט זייערע לעהרען, וואס זיינען געוועזען געגען דער מענשהייט און געגען גראדען שכל, און דיעזע האבען זייא אויסגעמישט מיט דיא וואהרהייטען פון רעליגיאָן; אָבער וויא דיא זאך זאָל ניט זיין, האבען זייא דאָך ניט געלעבט נאך דיא לעהרעי וואס זייא האבען געפרעדיגט.

איך האב געשפירט, אז זייא האבען זיך זעלבסט בעטראגען, און אז זייא, גלייך מיט מיר, פערשטעהען אונטער דעם לעבען עסען און טרינקען, כאַפּען וואס עס קומט אין דער האנד, און ניט מעהר.

איך האב דאס איינגעזעהען, ווייל איך האב בעמערקט, אז זייער גלויבען און רעליגיאָן, האט ניט פערניכטעט זייער שרעק פאר עלענד, נויט, אונגליק און טויט. דיעזע גלויבינע, זיינען ניט בעסער געווען וויא דיא מענשען פון מיין אייגענער קלאַסע, וועלכע האבען געלעבט אין בעקוועמליכקייט און איבערפלוס, און אימער געטראַכט צו פערגרעסערן און פעסטהאלטען זייער פערמעגען, און געציטערט

יעדען אוינענבליק פיר עלענד, נויט, און טויט. דאן האבען זייא וויא איך און אנדערע אונגלויבינע, אימער געזוכט צו ערפיללען דיא תאוה פון זייער קערפּער, און האבען געפיהרט גראדע אזא שלעכטעס לעבען וויא דיא אפיקורסים.

קיין ארגומענט אין דער וועלט האט מיך געקענט איבערצייגען, אז דיעזע מענישען זיינען ערנאנט אין זייער גלויבען. אום מיך דאריעבער צו איבערצייגען, האבען זייא געמוזט זאַוואס טהון, און איך זאָל עס זעהען מיט מיינע אויגען, אז דיא שרעק פאר עלענד, נויט, אונגליק און טויט, פאר וועלכע איך האב אזוי מורא געהאט, זאָל פון זייא פערשווינדען.

אָבער, דיעזע טהאטען, פון ערעלמוטה און אַנשטאנד, וועלכע איך האב ערוואַרטעט צו זעהען אונטער דיעזע גלויבינע, האב איך גאר געזעהען אונטער עפּענטליכע אונגלויבינע פון מיין קלאסע, און ניעמאלס אונטער דיא רע־ליגיעזע.

דאמאלס האב איך פערשטאנען, אז דער גלויבען פון דיעזע לייטע, איז ניט דער גלויבען, וועלכען איך האב געזוכט; אז עס איז איבערהויפּט קיין גלויבען ניט, זאָנדערן א טרייסט פון איין עפּיקורעער, וועלכער געפינט אלעס אין דעם פערגניגען פון דער וועלט.

אונטערדעסען האב איך בעגריפען, אז דיעזער גלויבען, ווען ער קען ניט טרייסטען, וואָלט ער ווייניגסטענס געקענט בערוהיגען דעם בעטריבענדען גייסט פון א שלמה, אויף זיין טויטען בעט, אָבער ער קען גאר ניט ניטצען דער אלגעמיינער גרויסער מענשהייט, וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען ניט געטרייסט צו ווערען דורך דיא ארבייטען פון אנדערע, זאָנדערן צו שאפען א לעבען פיר זיך זעלבסט.

אום דיא מענשהייט זאָל לעבען און זיין בעוואוסט איבער דער בעדייטונג פון לעבען, מוז זיין א וואהרער און גוטער בעגריף פון גלויבען.

איך, שלמה און שאָפּענהויער, ווען מיר האבען ניט בעגאנגען קיין זעלבסט־מאָרד, איז נאך קיין בעוויז ניט, אז א גלויבען עקזיסטירט, זאָנדערן דיא טהאט־זאכע, אז דיעזע אלע מיליאָנען מענשען לעבען אין איין שטראָם פון לעבען, איז א שלמה מיטגעשלעפּט געוואָרען, איז דער בעסטער בעוויז, אז עקזיסטירט א גלויבען וואס לאָזט אונז ניט מאכען א סוף פון אונזער לעבען.

זוכענדיג און פאָרשענדיג, האב איך אָנגעפאנגען מיך צו דערנעהנטערן צו דיא גלויבינע אונטער דיא ארעמע, איינפאכע, פּראָסטע אונוויסענדע און וואנדערער אונטער דעם פאָלק. דיא לעהרען פון דיעזע פאָלקס־מענשען, גראדע וויא דיא לעהרע, פון דיא זאָגענאנטע גלויבינע פון מיין קלאסע, זיינען געווען קריסטליך.

איך האב דאָ אויך געפּוּגען זעהר פיעלע אבערגלויבענס אויסגעמישט מיט דיא וואהרהייטען פון רעליגיאָן, אָבער מיט דעם אונטערשיעד, וואס אונטער מיין קלאַסע איז אַלעס געווען בלויז א מין לוקסוס צו פערשאַפען פערגניגען, וועהרענד אונטער דיא אַרמע איז דיא רעליגיאָן מיט דעם אבערגלויבען געווען איינגעוואָרצעלט אין זייא, און מען האט זיך גאר זייער לעבען ניט געקענט פאַרשטעלען אָהן דיעזע זאכען.

דאס גאנצע לעבען פון דיא גלויבינגע אונטער מיין קלאַסע, איז געווען א דירעקטער ווידערשפּרוך צו זייער גלויבען, וועהרענד דאס גאנצע לעבען פון דעם אַרמען פאָלק, האט פּינקטליך געשטימט מיט דעם גלויבען וואס זייא האבען געהאַט.

אויף דיעזער אַרט האב איך אָנגעפאַנגען גרינדליכער צו שטודירען דאס לעבען און דיא לעהרען פון פאָלק, און וואס מעהר איך האב זייא שטודירט, אַלץ בעסער האב איך מיך איבערציינגט, אז אונטער דיעזע מענשען, הערשט א וואהרער גלויבען, און דער גלויבען איז פאר זייא א נויטווענדיגע זאך, וועלכער גיבט זייא ערשטענס א בעדייטונג פיר דאס לעבען און מעגליכקייט צו לעבען.

דאס איז געווען אַקוראט א ווידערשפּרוך צו דעם וואס איך האב געזעהען אונטער מיין קלאַסע מענשען — דיא מעגליכקייט ערשטענס צו לעבען אָהן גלויבען, און דאן, דאס ניט איינער פון טויזענד וואס האבען בעהויפּטעט צו זיין גלויביג איז געווען א גלויביגער.

אָבער דיא הויפּטזאך איז געווען דיעזע: אונטער מיין קלאַסע האב איך בע־מערקט א לעבען צונעבראַכט אין לעדיג געהען, אונטערהאַלט און אוצופריעדענהייט מיט דעם לעבען, וועהרענד אונטער דעם פאָלק האב איך בעמערקט א גאנצעס לעבען פערבראַכט אין שווערע ארבייט און פאָלקאָמענע צופריעדענהייט.

אונטער מיין קלאַסע זיינען געווען וואס האבען ניט געקענט ליידען קיין צרות, מאַנגעל און אונגליק, וועהרענד אונטער דעם פאָלק האט יעדער עמפּפאַנגען, אָהנע זיך צו בעקלאַגען, קראַנקהייט און שמערץ, מיט דער איבערצייגונג, אז אַלעס וואס איז, דאַרף אַזוי זיין און עס אימער צום גוטען.

אונטער מיין קלאַסע האט מען גערעכענט, אז וואס וועניגער מיר זיינען גע־לערענט, אַלץ וועניגער פערשטעהען מיר וואס דאס הייסט לעבען, און וואס מעהר מיר זיינען געבילדעט אַלץ מעהר בעטראַכטען מיר ליידען און טויט אלס אונגעהייער שלעכט, וועהרענד דאס פאָלק לעבט, ליידעט און דערנעהנטערט זיך צום טויט מעהרערע מאל מיט פערגניגען.

אונטער מיין קלאַסע איז בעוואוסט, אז א לייכטער טויט, אָהן שרעק און פערצווייפלונג, איז א זעלטענע אויסנאַהמע, וועהרענד אונטער דעם פאָלק איז א שווערער, רעבעלירענדער און שמערצהאַפטער טויט, איין אויסנאַהמע.

דיזע מענשען, דאס פאָלק וועלכע קענען ניט דאס אלעס וואס האט זיך פאָרגעשטעלט פאר שלמה׳ן אלס גוטעס אין לעבען, שפירען נאר דאס העכסטע גליק און צופריעדענהייט אָהן טויזענדער ווייבער, אָהן לאַנגע אונטערהעלטע, און אָהן לוסט־גערטנער.

איך האב אָנגעפאַנגען צו אנאליזירען און שטודירען דאס לעבען פון דער מענשהייט אין דער פערגאַנגענהייט און ארום מיר, און איך האב איינגעזעהען, אז ניט צווייא אָדער דרייא, ניט 10 פון 100, זאָנדערן טויזענדער און מיליאָנען האבען אזוי בעגריפען דיא בעדייטונג פון לעבען, און אויף דיעזער ארט האבען זייא געלעבט און געשטאָרבען.

אלע דיעזע מענשען, שטארק פערשיעדען איינער פון אנאנדער אין בענעהמונג, גייסטעס־קראַפט, בילדונג און שטופע, זיינען געוועזן גוט בעקאַנט מיט דער בעדייטונג פון לעבען, און זייא האבען זיך רוהיג געארבייט, געליטען מאַנגעל און נויט, און געשטאָרבען, און בעטראַכטעט דאס אלעס ניט אלס קיין פוסטע, זאָנדערן אלס א גאַנץ גוטע זאַך.

עס האט מיך אָנגעהויבען שטארק צו צוציהען צו דיעזע מענשען. וואס מעהר איך האב שטודירט זייער לעבען און דאס לעבען פון דיא טויטע איבער וועלכע איך האב געלעזען און געהערט, אלץ בעסער האב איך זייא ליעב געקריעגען און עס איז מיר אויסגעקומען לייכטער צו לעבען.

אזוי האב איך אָבגעלעבט צווייא יאָהר צייט, און דאן איז געקומען א וועקסלונג איבער מיר, וועלכע איך האב שוין פריהער געשפירט זיך אין מיר ערוועקען: דאס לעבען פון מיין קלאַסע, דיא רייכע און געלערנטע מענער, איז מיר ניט נאָר נמאס געוואָרען, זאָנדערן עס האט אויך פאר מיר פערלוירען יעדע בעדייטונג.

אלע אונזערע טהאַטען, אונזער דענקען, אונזער וויסענשאַפט און קונסט, זיינען פאר מיר ערשיענען אין א גאַנץ נייעם ליכט. איך האב פערשטאַנען, אז דאס אלעס איז ניט מעהר וויא א קינדער־שפּיעלערייא, און אויף דיעזער ארט איז אומזיסט צו זוכען דיא בעדייטונג פון לעבען.

דאס לעבען פון דיא ארבייטער קלאַסען, פון דער גאַנצער מענשהייט, פון דיעזע וואס שאַפען לעבען, איז פאר מיר ערשיענען אין דער וואַהרער פארב. איך

האב בעגריפען, אז דאס איז דאס לעבען זעלבסט, און דיא מיינונג וואס מען גיבט ריעזען לעבען, איז א וואהרע מיינונג, און איך האב אקצעפטירט דיעזעס לעבען.

## 11.

ווען איך האב מיך עראינערט וויא דיעזע לעהרען האבען מיך אמאל גע־עקעלט, ווען מענשען וואס האבען זייא געפרעדיגט און אליין אנדערש געהאנדעלט, און וויא דיא לעהרען האבען מיך ווידער צוגעצויגען ווען איך האב געזעהען, אז מענשען לעבען לויט דיא לעהרען, האב איך ערשט פערשטאנען דיא אורזאכע פון מיינע פריהערינע האנדלונגען.

איך האב פערשטאנען, אז איך האב געהאט א טעות, און וויא אזוי דאס איז געשעהען. איך האב ניט געהאט קיין טעות ווייל איך האב ניט ריכטיג געדענקט, זאנדערן ווייל איך האב ניט ריכטיג געלעבט.

איך האב פערשטאנען, אז דיא וואהרהייט איז פון מיר געווען בעהאלטען, ניט ווייל איך האב געהאט איין אירטהום אין מיין דענקען, זאנדערן ווייל איך האב גע־פיהרט איין אויסנאהמס־לעבען און נאר געזעהען צופריעדען שטעלען דיא תאוה פון מיין קערפער. איך האב פערשטאנען, אז מיין פראגע: „וואס איז לעבען?" און דער ענטפער: „א פוסטע און ווערטהלאזע זאך" — איז געווען א פאלקאמענע וואהרהייט, ווייל מיין לעבען האט ווירקליך גאר קיין ווערטה געהאט.

דער טעות איז בלויז געווען אין דעם, וואס איך האב געפרעגט איבער מיין אייגענעם לעבען און זיך פערגעסען צו אינטערעסירען מיט דעם אלגעמיינעם לעבען.

דאס איז פאלקאמען ריכטיג, מיין לעבען איז געווען א פוסטע און ווערטהלאזע זאך, און האט אין זיך ניט ענטהאלטען עפעס אנדערש, אויסער דוא ערפילונג פון מיינע תאוות. מיין גאנצעס לעבען איז ניט געווען קיין לעבען, און דער ענטפער, אז דאס איז א שלעכטעס לעבען, איז געווען וואהר, מיט דעם איינציגען אונטער־שיעד, וואס דאס האט ניט צו טהון געהאט מיט דעם אלגעמיינעם לעבען.

איך פערשטעהע יעטצט דיא וואהרהייט וואס דיא ביבעל זאגט: „מענשען ליעבען פינסטערניש בעסער וויא ליכט, ווייל זייערע מעשים זיינען שלעכט. ווייל יעדער מענש וואס טהוט שלעכטעס האסט ליכט, און ער קומט אויך ניט צום ליכט, פיעללייכט וועלען זיך ארויס ווייזען זיינע מעשים."

איך האב פערשטאנען, דאס אום צו בעגרייפען וואס לעבען איז, מוז מען פריהער זעהען, אז לעבען זאָל זיין עפּעס מעהר וויא א שלעכטע זאך, וועלכעס דער פערשטאנד האט אזוי ערקלערט. יא, אום צו פערשטעהען לעבען, מוז מען בע־טראכטען דאס לעבען פון דער גאנצער מענשהייט, און ניט נעהמען אלס ביישפּיעל בלויז א פּאאר אומזיסטיגע פּרעסערס.

ווייסט איהר ווארום איך האָב פריהער ניט איינגעזעהען דיזע וואהרהייט? אָט הערט דיא אורזאכע: 2 מאל 2 איז 4, דאס איז א וואהרהייט, אָבער ווען דיזע וואהרהייט זאָל אויך בעוויזען, אז איך בין א לומפּ, א ניעמאנד און א טויגעניכטס, וואָלט איך דיא וואהרהייט ענטוועדער ניט געזעהען אָדער זיא אויסגע־מיעדען. מיין לעבען איז געוועזען שלעכט, אבשייליך און ווערטהלאָז, אָבער איך האב דאס ניט געוואָלט וויסען, און איך האב דאדורך פערדאמט דאס גאנצע לעבען.

מיט דער צייט אָבער, האב איך אָנגעפאנגען ליעב צו האבען גוטע מענשען, האסען מיך אליין, און איך האב געמוזט אקצעפּטירען דיא וואהרהייט.

יעטצט איז עס מיר שוין געוועזען גאנץ דייטליך. ווען מען זאָל נעהמען א תליון וואס בעשעפטיגט זיך אימער אין אָבהאקען מענשען־קעפּ, אָדער איין אונהייל־בארען שיכור, און איהם שטעלען דיא פראגע: וואס איז לעבען? ער וועט אייך דאָן ענטפערן דאסזעלבע וויא א משוגענער, וועלכער איז אָבגעשפּארט אין א פינסטערעס צימער און מיינט, אז ער וועט פערניכטעט ווערען ווען ער וועט פון דאָרט ארויס. יא, דער משוגענער, דער תליון און דער אונהיילבארער שיכור, וועלען אייך אלע ענטפערן: לעבען איז א שוידערהאפטע שלעכטע זאך.

דער ענטפער וואָלט געוועזען וואהר, אָבער נאָר פיר דעם מענשען וואס ניבט איהם. מיר איז אויסגעקומען, אז איך בין דער משוגענער, און איך בעטראכט מיר מיין לעבען, אלס א פינסטערעס צימער וואו איך בין אָבגעשפּארט, און רעכען, אז ווען איך וועל ארויס, וועל איך פערניכטעט ווערען, און ווען איך וועל דאָ בלייבען, איז אלעס פינסטער און וויסט.

זיינען פיעללייכט אלע רייכע, קלוגע און לעדיג־געהער אזוי וויא דיעזער משוגענער? איך האב ענדליך בעגריפען, אז דאס איז וואהר, און איך, וועניגסטענס, בין פאָזיטיוו ניט בעסער וויא יענער משוגענער.

ווארום? ווייל מיר פיהרען איין אוננאטירליכעס לעבען, נעגען אלע געזעטצע וואס לעבען פאָרדערט!

קוקט איהר צו דיא פיינעלעך: זייא לעבען אלע צו פליהען, אויפקלייבען זייער נאהרונג, בילדען זייערע נעסטען און ארבייטען, און ווען איך זעה זייא דאס אלעס טהון, און וויא זייא צוויטשערן און פרייען זיך דערבייא, דאן פיללט דאס אויך מיך אן מיט פערגניעגען.

דיא ציעג, דער האז, דער וואלף, לעבען צו עסען און זיך פערמעהרען און אויפציהען זייערע יונגע; און ווען איך זעה וויא זייא טהון דאס, בין איך איבערציינגט, אז זייא זיינען גליקליך און זייער לעבען איז א גאנץ פערנינפטיגעס.

וואס אלזא זאל דער מענש טהון? דער מענש מוז אויך פערדיענען זיין נאהרונג וויא דיא חיות, אבער מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, אז דער מענש וועט אונטערגעהען, ווען ער וועט דאס טהון פאר זיך אליין. דער מענש מוז ארבייטען, ניט פאר זיך אליין, זאנדערן פאר אלע. דאס איז זיין נאטור און זיין וואהרעס לעבען. און ווען ער טהוט דאס, בין איך פאלקאמען איבערציינגט, אז ער איז גליקליך און זיין לעבען איז א פערנינפטיגעס לעבען.

וואס האב איך געטהאן וועהרענד מיינע דרייסיג יאהר פון בעוואוסטזעם לעבען? ניט גענוג וואס איך האב אנדערע ניט געהאלפען וועהרענד דיעזער צייט, זאנדערן איך האב פאר מיר אליין אויך גאר ניט געטהאן.

איך האב געפיהרט דאס לעבען פון איין אומזיסטיגען פרעסער, און בין צו פריעדען געווען אדער אונצופריעדען, מיט דעם וואס איך האב ניט געוואוסט ווארום איך לעב.

ווען דיא בעדייטונג פון א מענשען'ס לעבען, ליענט אין דעם אום זיין אייגענעס לעבען אויסצוארבייטען, וואס האב איך געקענט פערשטעהען? דרייסיג יאהר דורכאנאנד האב איך געטהאן אלעס מעגליכע צו רואינירען מיין אייגענעס לעבען און אויך דאס לעבען פון אנדערע. וואס פאר איין אנדערן ענטפער האב איך אלזא געקענט קריעגען אויף מיין פראגע פון לעבען? יא, דער ענטפער איז געווען, אז מיין לעבען איז מיאוס, העסליך, אבשייליך און אהנע ווערטה. דאס איז געווען גאנץ ריכטיג.

דאס לעבען פון דער וועלט עקזיסטירט און געהט פארווערטס, דורך דעם ווילען פון א יעמאנד. דיעזער יעמאנד מאכט אונזער לעבען און דאס לעבען פון דער גאנצער וועלט, שטעהט אונטער זיין בעאבאכטונג אדער אויפפאסונג. אום צו פערשטעהען וואס דיעזער ווילען מיינט, מוזען מיר פריהער טהון דאס וואס דיעזער ווילען פערלאנגט פון אונז. ווען איך טהו אבער ניט וואס דיעזער ווילען פערלאנגט,

קען איך ערשטענס ניט בעגרייפען וואס דיעזער ווילען איז און וואס ער פאָרדערט פון אונז און פון דער גאַנצער וועלט.

ווען מען זאָל אוועק נעהמען א נאַקעטען און הונגריגען בעטלער פון פרייען פעלד און איהם אריין ברענגען אין א גרויסארטיגען פלאַטץ, איהם אָנטהון, געבען עסען און אוועק שטעלען בייא א ראָד ער זאָל דרעהען דערמיט. עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז איידער דיעזער בעטלער וויים נאך צו וועלכען צוועק מען האט איהם אהין אריין געבראכט, דארף ער, פאר אלעמען, טהון וואס מען האט איהם געהייסען און דרעהען דיא ראָד. ווען ער טהוט דאס, דאן וועט ער מיט דער צייט ערפאהרען, אז דיעזע ראָד דרעהט א פּומפּע, דיא פּומפּע ציהט ארויס וואסער, דאס וואסער פליעסט ארויס דורך מעהרערע קאנאלען און בענעטצט דעם באָדען. פערטיג ווערענדיג מיט דער ארבייט בייא דער ראָד, וועט מען איהם פון דאָרט אוועק נעהמען און הייסען טהון עפּעס אנדערש; ווען ער פאָלגט, וועט ער זאמלען דיא פריכטע און זיך פרייען צוזאמען מיט זיין העררן.

ער וועט מיט דער צייט בעגרייפען, אז ער געפינט זיך אונטער דער פערוואל־טונג פון א העררר, וועלכער גיבט איהם אלעס אין איבערפלוס, פערזאָרגט איהם מיט געצייג, און הייסט איהם ארבייטען פיר זיך, ניט פיר דעם העררר. דער העררר ווידער, איז צופריעדען בלויז דערמיט, וואס דער בעטלער, וועלכען ער גיבט אלעס, האט הנאה פון זיין ארבייט.

מיט דער צייט וועט דער געוועזענער בעטלער קריגען אלין וויכטיגערע ארבייט, ביז ער וועט אויך פאָלקאָמען פערשטעהען דיא איינריכטונגען פון דעם גרויסארטיגען פלאַטץ, און ער וועט טהון אלעס וואס עס ווערט פון איהם פער־לאנגט און קיין פראגע מעהר שטעלען וואס דער העררר פערלאנגט פון איהם, וויל ער וועט זיך איבערצייגען, אז אלעס וואס דער העררר האט איהם געהייסען ביז יעטצט טהון, איז נאָר געווען איהם, דעם געוועזענעם בעטלער, לטובה.

אָט דאס איז דערזעלבער פאל מיט דיעזע וואס פאָלגען דעם אויפטראג פון זייער העררר; עס קומט קיין פראָטעסט פון דעם אונוויסענדען און איינפאכען אר־בייטער, וועלכע מיר בעטראכטען ניט מעהר וויא בהמות.

מיר ווידער, דיא קלוגע, געבילדעטע און ציוויליזירטע, עסען דערוויל אויף אלעס וואס דער העררר גיבט אונז און מיר טהון גאר ניט וואס ער פערלאנגט פון אונז מיר זאָלען טהון. אנשטאט עפּעס צו טהון, זעטצען מיר זיך ארום און פאנגען אן צו שטעלען פראגען, צו וועלכען צוועק מיר דארפען דרעהען דיא ראָד, וויל דאס זעהט אונז אויס זעהר דום.

און ווען מיר האבען שוין דאריעבער גוט נאכגעדענקט, וואס איז דער רעזול־טאט? מיר ענטפערן, אז דער הערר איז דום, אָדער מיר זאגען, אז עס איז גאר קיין הערר ניטאָ, ווערענד מיר אליין זיינען דיא איינציגע חכמים, וואוילע יונגען און פערשטעהען אלעס. מיר זעהען איין, אז מיר טויגען צו גאר ניט, אז מיר זיינען גאר ניט, און מיר זוכען עפעס א וועג וויא אזוי פטור צו ווערען פון זיך זעלבסט.

## 12.

מיין איבערצייגונג, אז יעדע וויסענשאפט וואס איז בעגרינדעט אויף פריינד־שאפט אליין, קען פערקריכען אין א גרויסען אירטהום, האט מיר געהאָלפען איך זאָל מיך בעפרייען פון פוסטע אידעען.

דיא איבערצייגונג, אז דיא וויסענשאפט פון דער וואהרהייט, קען מען נאָר ערדייכען דורך לעבען, האט מיך געפיהרט דערצו איך זאָל צווייפלען אין דער גע־רעכטיגקייט פון מיין אייגענעם לעבען. אָבער דאס האט ניט פיעל געדויערט ביז איך האב מיך ארום געקוקט און געזעהען, אז איך דארף נאָר ארויס קריכען פון מיין אייגענעם גרוב און בעמערקען, אז דאס איינפאכע לעבען פון דער ריכטיגער ארבייטער קלאסע, איז דאס איינציגע וואהרע און גראדע לעבען.

איך האב בעגריפען, דאס ווען איך וויל פערשטעהען דאס לעבען און דיא בעדייטונג דערפון, מוז איך פיהרען א לעבען ניט פון איין אומזיסטען פרעסער, זאָנדערן פון אזעלכען וואס שאפט און ווירקט מיט אין לעבען זעלבסט. דאן, ווען איך וויל ווייטער וויסען, זאָל איך איבער־א־נייעס קלערען און פאָרשען.

צור צייט ווען איך האב אזוי געדענקט, בין איך געווען אין פאָלגענדען צו־שטאנד:

ווערענד דאס גאנצע יאָהר, וואס איך האב אימער געדענקט, אויב איך זאָל יא אָדער ניט מאכען קיין סוף פון מיין לעבען דורך א שטריק אָדער רעוואָלווער, זיינען מיינע געדאנקען געווען בעשעפטיגט וויא איך האב שוין בעשריעבען, מיין הארץ איז געווען געמארטערט און געפלאגט מיט פערשיעדענע געפיהלע, וועלכעס איך קען אנדערש ניט בעשרייבען, אויסער צו זאגען, אז איך האב געזוכט גאָט.

דאס זוכען גאָט, איז ניט געווען קיין רעזולטאט פון מיין פערשטאנד, זאָנדערן עפעס א געפיהל, ווייל מיין פערשטאנד איז געווען דורכאויס געגען דער אידעע פון א גאָט. יא, דאס זוכען גאָט, איז געקומען פון מיין הארצען.

עס איז געווען עפּעס א געפיהל פון שרעק, פון יתום'שאפט, פון זיין אליין אונטער זאכען וואס האבען מיט מיר קיין שייכות ניט, און האָפענדיג אויף הילפע איך וויים אליין ניט פון וועמען.

דער פילאָזאָף קאנט בעוויזט, אז עס איז אונמעגליך צו בעווייזען, אז עס גיבט א גאָט. מיט מיין פערשטאנד בין איך אויך געווען איבערצייגט דאריעבער, אָבער טראָטץ דעם האב איך געזוכט גאָט, און אויך געהאָפט איהם צו געפינען.

פון דער געוואָהנהייט פון מיין קינדהייט, האב איך זאָגאר מעהרערע מאל געבעטען צו א גאָט, אָבער דעם וואס איך האב געזוכט, האב איך ניט געפונען.

צייטענווייז האב איך נאך אמאל דורכשטודירט דיא ארגומענטען פון קאנט און שאָפּענהויער, וועלכע בעווייזען דיא אונמעגליכקייט צו איבערצייגען, אז עס גיבט א גאָט, מאנכע מאל האב איך ווידערשפּראָכען זייערע אידעען.

איך פלעג אָזוי זאגען: דיא פּעראורזאכונג (סבה) שטעהט ניט אין דערזעלבער רייהע וויא דענקען, רוים און צייט. ווען איך עקזיסטיר, דאן גיבט עס איין אורזאכע פון מיין עקזיסטענץ, און דאס איז דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען. דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען, איז דאס וואס מיר רופען אן גאָט.

איך האב מיך געהאלטען פעסט אן דיעזער אידעע, און געשטרעבט מיט אלע מעגליכקייטען צו גרייכען א געוויסענהאפטען רעזולטאט, אז דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען איז איין עפּעס וואס עקזיסטירט און ווירקט.

אזוי שנעל וויא איך האב געשפּירט עפּעס א קראפט איבער מיר, האב איך באלד געפיהלט דיא מעגליכקייט פון וועלען לעבען. דאן האב איך מיך אזוי געפרעגט: „וואס איז דיא אורזאכע דיעזע קראפט? וויא אזוי זאָל איך דענקען דאריעבער? וואס פאר א שייכות האב איך דערמיט וואס איך רוף גאָט?" אלס ענטפער דארויף איז צו מיר געקומען דער אלטער איינגעלערענטער רעליגיעזער געדאנק: „ער איז דער בעשעפער, וואס גיבט אלעס."

אָבער דיעזער ענטפער האט מיך ניט צופריעדען געשטעלט און דיא פערצווייפלונג האט צוריק געקעהרט. איך האב אָנגעפאנגען צו בעטען צו איהם, וועמען איך האב געזוכט, און געדעכענט, אז ער קען מיר העלפען.

נאָר וואס מעהר איך האב געבעטען, אלץ דייטליכער האב איך איינגעזעהען, אז קיינער הערט מיך ניט, און עס איז ניטאָ צו וועמען צו בעטען. מיט דער

פערצווייפלונג אין מיין הארץ, אז עס איז קיין גאָט נישטאָ, האב איך דעננאך אויס־געשריען:

„גאָט, האב מיטלייד מיט מיר, רעטע מיך! אך גאָט, מיין גאָט, לערן מיך!"
אָבער קיינער האט מיט מיר ניט געהאט קיין מיטלייד און קיינער האט מיך ניט געלערענט.

אונצעהליגע מאל איז צו מיר געקומען דער געדאנק, אז איך האב ניט גע־קענט ערשיינען אויף דער ערד, אָהן א געוויסער אורזאכע — אז איך קען ניט זיין דער אונבעדייטענדער גאר ניט, פאר וועלכען איך האב מיך גערעכענט.

אָבער ווארום קלאג איך, שרייא, וויין און בעט מיך? איז דאס ניט עפּעס א געפיהל וויא צו א מוטער וואס האט מיך געבוירען? וואו איז אלזאָ דיעזע מוטער? איך בין געצוואונגען געווען צו צוגעבען, אז יעמאנד וואס האט מיך געליעבט, האט מיך געבראכט אויף דער וועלט.

אָבער ווער איז דיעזער יעמאנד? דאן איז ווידער געקומען דער ענטפער: גאָט! ער קען און וויים פון מיין זוכען, פאָרשען, פערצווייפלונג און קעמפּפען.

„ער עקזיסטירט!" האב איך אויסגעשריען אין מיין געוויסען. איך האב דאס נאָר בעדאַרפט צוגעבען אויף איין אויגענבליק, און איך האב שוין געשפּירט דאס לעבען ערוואכען אין מיר און דערצו א ווילען צו עקזיסטירען און הנאה האבען דערפון.

פון דער איבערצייגונג, אז עס אין דאָ א גאָט, בין איך איבערגעגאנגען צו דער בעטראכטונג וועגען דיא פליכטען וואס מיר האבען צו איהם, און דאן איז פאר מיר ערשיענען דער דרייפאכיגער גאָט; פון גאָט, זוהן און הייליגער גייסט.

דאס האט מיט איינמאל צערשטערט דיא גאנצע האָפנונג און פערגניגענען פון לעבען. דיעזער גאָט האט זיך צערשמאָלצען וויא אייז שמעלצט פון דער זונן אין מיין געגענוואָרט. עס איז נאך אמאל גאר ניט געבליעבען און דער לעבענס־קוואל האט ווידער אויסגעטריקענט.

פערצווייפלונג האט צוריק געקעהרט און איך האב געשפּירט, אז עס איז מיר קיין זאך צוריק געבליעבען, וויא נאָר מיך צו טויטען. דאס ערגסטע פון אלעמען איז אָבער געווען, וואס איך האב געוואוסט, אז איך וועל קיין זעלבסטמאָרד דאך ניט בעגעהען.

איך בין דורכגעגאנגען דורך דיעזע געפיהלע ניט איינמאל אָדער צווייא מאל. זאָנדערן הונדערטער מאל, און האב געשפּירט דעם וועקסעל פון פרייד, אויפרעגונג,

פערצווייפלונג און טרויער, און דאס בעוואוסטזיין, אז עס איז קיין ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט.

איך ערמאנער מיך און א טאָג, צום אנפאנג פריהלינג, בין איך געשטאנען און מיך צוגעהערט צום רוישען פון א וואלד, און דענקענדיג דאמאלס איבער דאס־זעלבע וואס האט מיך וויא בעפעסטיגט — איך האב געזוכט א גאָט.

איך האב צו מיר אזוי געזאגט:

„גוט, עס איז נישטאָ קיין גאָט, עס גיבט קיין זאך אין דער ווירקליכקייט וואס איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, — ניין, עס גיבט קיין גאָט! קיין זאך, קיין וואונדער קען בעווייזען, אז עס גיבט א גאָט, דען וואונדער עקזיסטירען נאָר אין דער דומער פאנטאזיע.“

דאן האב איך ווידער געטראכט:

„יעטצט איז נאָר דיא פראגע: פון וואנען קומט צו מיר דער חשק צו זוכען א גאָט? פון וואנען קומט צו מיר דער בעגריף פון א גאָט?

בייא דיעזען געדאנק אליין האט ווידער אמאל געפלאָסען לעבען דורך מיינע אָדערן. אלעס ארום מיר האט אויסגעזעהען אויפצולעבען און קריעגען א גאנץ נייע בעדייטונג.

מיין געדאנק האט אונטערדעפען ניט לאנג געדויערט, ווייל דער פערשטאנד האט באלד פאָרטגעזעטצט זיין ארבייט און אזוי געטענה'עט צו מיר:

„דער בעגריף פון א גאָט, איז אויך קיין גאָט. א בעגריף איז א געגענשטאנד וואס ענטשטעהט אין מיר; דער בעגריף פון א גאָט, איז איין אידעע וואס איך קען ארויס רופען אין מיינע געדאנקען ווען איך וויל און ווען איך וויל ניט. עס איז ניט דאס וואס איך זוך.“

נאך אזעלכע געדאנקען, איז ווידער אלעס ארום אויסגעשטאָרבען און איך האב געוואָלט בעגעהען זעלבסטמאָרד.

ווענדערענדיג אזוי אין דער געדאנקען־וועלט, וועלכע האט זיך אויף איין פלאַטץ געצייגט דונקעל און פינסטער און אויף דער אנדערער ליכטיג און פרעהליך, האב איך געמוזט צוגעבען, אז איך האב נאָר דאמאלס געשפירט לעבען, ווען איך האב געגלויבט אין גאָט.

עס איז געוואָרען א כלל מיט מיר: זאָ שנעל וויא איך האב געגלויבט אין גאָט, האב איך אויפגעלעבט, און וויא באלד איך האב אן איהם פערגעסען, אן איהם ניט געגלויבט, האב איך געשפירט דעם טויט.

וואס האט בעדייטעט דיזע פערצווייפלונג און אויפלעבונג? איין זאך איז מיר געווען קלאר און דייטליך:

וויא איך פערליר נאָר דאס פערטרויען אויף גאָט, לעב איך ניט מעהר, און ווען איך וואָלט אין מיר ניט געהאט עפּעס א געהיימעס געפיהל פון א גלויבען אין גאָט, וואָלט איך שוין לאנג בעגאנגען זעלבסטמאָרד.

ווירקליכעס לעבען שפּיר איך נאָר דאמאלס, ווען איך זוך גאָט.

„אָבער וואָס נאך זוך איך?" האב איך מיך געפרעגט.

א שטימע, וויא אין מיר, האט אויסגעזעהען אויסצושרייען:

„דאס איז ער! ער, אָהן וועלכען עס גיבט קיין לעבען. גאָט איז דאס וואהרע לעבען! צו קענען גאָט און צו לעבען, איז דאסזעלבע! גאָט איז לעבען! דאס לעבען איז גאָט!"

לעב אום צו זוכען גאָט, און דאס לעבען וועט ניט זיין אָהן איהם. אויף דיזער ארט, דאס הייסט, אזוי דענקענדיג, איז דאס לעבען אויפגעשטיעגען אין מיר מיט מעהר קראַפט, און דאס ליכט, וואס האט קיינמאל אזוי הערליך ניט געשיינט, האט מיך מעהר ניט פערלאָזען.

אויף דיזער ארט האב איך מיך גערעטעט פון זעלבסטמאָרד. ווען און וויא אזוי דיזער וועקסעל האט אין מיר שטאטגעפינדען, קען איך גענוי ניט בעצייכענען. אזוי שטופּענווייז און אונבעמערקבאר וויא דאס לעבען האט אין מיר זיך פערביטערט, ביז איך האב געשפּירט אז איך קען מעהר ניט לעבען און מוז בעגעהען זעלבסטמאָרד, גראדע אזוי שטופּענווייז און אונבעמערקבאר, האב איך נאך אמאל געפיהלט דאס לעבען אויפגליהען און זיך צוריק קעהרען צו מיר.

עס איז געווען מערקווירדיג, אָבער דאס ווידער ערוואכען פון לעבען האט קיין נייעס געפיהל אין מיר ארויס גערופען; עס איז שוין געווען אלט, ווייל איך בין נאָר דערפון אוועק געפיהרט געוואָרען ווען איך בין נאך געווען גאנץ יונג.

איך האב צוריק געקעהרט צו דער פערגאנגענהייט, אָדער בעסער געזאגט, צו מיין קינדהייט און פריהע יוגענד.

איך האב צוריק געקעהרט צו גלויבען און זיך פערטרויען אין דעם ווילען וואס האט מיך געבראכט אויף דער וועלט און פון מיר פערלאנגט איך זאָל עפּעס טהון; איך האב צוריק געקעהרט צו דעם גלויבען, אז דער מענש דארף האבען בלויז איין ציעל אין לעבען, און דאס איז צו ווערען בעסער, דאס הייסט, צו לעבען לויט וויא דער געטליכער ווילען פערלאנגט.

איך האב צוריק געקעהרט צו דער אידעע, אז דער וואונש פון דיזען ווילען

קען מען געפינען אין דער גרויסער מענשליכער פעראייניגונג פון דער פערגאנגענ־הייט; מיט איינעם וואָרט, איך האב צוריק געקעהרט צום גלויבען אין גאָט, און כיאָראלישער פאָלקאָמענהייט, און אין דיא קבלות וואס זיינען איבערגעגעבען גע־וואָרען איבער דער בעדייטונג פון לעבען.

דער איינציגער אונטערשיעד איז געווען, אז אין מיין קינדהייט און פריהער־יוגענד האב איך דאס אַלעס אקצעפּטירט מיט איין אונבעוואוסטזיין, וועהרענד יעטצט האב איך געשפירט, אז איך קען אָהן דעם ניט לעבען.

מיין דאמאליגער גייסטעס־צושטאנד קען אונגעפעהר אזוי פערגליכט ווערען: עס איז געווען, גלייך וויא איך וואָלט מיך געפונען זיטצענדיג אין א שיפעל, וואס איז אוועק געשטויסען געוואָרען פון ברעג דורך איין אונבעקאנטער מאכט, און מיר צייגענדיג דעם ברעג אויף דער אנדערער זייט, האט מען מיר געגעבען לאָפּעטעס צום רודערן און מיך אָבגעלאָזען. איך האב מיך בעדיענט מיט דיזע לאָפּעטעס, אזוי גוט וויא איך האב געקענט און גערודערט; אָבער וואס ווייטער איך רודער צום מיטעלפּונקט, אלץ שטארקער ווערט דער שטראָם וואס טראגט מיך אוועק ווייטער פון מיין ציעל, און וואס מעהר איך בעגעגען נאך אזעלכע רודערער וויא איך בין, אלץ מעהר זעה איך וויא יעדער ווערט פערטראגען פון דעם שטראָם. איך זעה איינציגע שיפער וואס רודערן און ארבייטען שווער, אנדערע וואס האבען שוין אוועק געוואָרפען דיא לאָפּעטעס, א טהייל וואס געפינען זיך אין גרעסערע שיפלעך און גאר גרויסע שיפען געפּאקט מיט מענשען; מאנכע קעמפּפען געגען דעם שטראָם, און אנדערע לאָזען זיך פיהרען וואוהין דער שטראָם פיהרט. וואס ווייטער איך רודער, אלץ ווייניגער זעה איך דעם ציעל וואוהין איך דארף מיך צו שיפען. אין מיטען שטראָם, זיך זעהענדיג ארום געריגגעלט פון אונצעהליגע אנדערע שיפלעך, פערגעס איך וואוהין איך דארף רודערן, און איך ווארף אוועק דיא לאָפּעטעס. פון אַלע זייטען הער איך וויא דיא מונטערע רודערער אָדער זעגלער שרייען צו מיר, אז עס קען גאר ניט זיין קיין אנדערער ציעל. איך גלויב זייא און איך לאָז מיך אין דערזעלבער ריכטונג מיט זייא.

אויף דיעזער ארט ווער איך אוועק געטראגען ווייט, דאָרט אַהין וואו דער שטראָם קומט זיך צוזאמען מיט נאך אנדערע שטראָמען, אַלע בילדען א דרעה־ענדען און וויטהענדען און קאָכענדען תהום, און איך מוז דאָרט צו גרונדע געהען. איך ערבליק שוין וויא מאנכע שיפלעך זיינען צובראָכען געוואָרען אין ווילדען און גרויסען דרעהענדען שטראָם.

פלוצלינג האב איך מיך דערמאָהנט וואו איך בין אין דער וועלט. איך בליק

ארום אין אלע זייטען, און זעה צערשטערונג און פערניכטונג. אונצעהליגע מענשען קעמפפען מיט זייערע לעטצטע קרעפטען געגען דעם שוידערהאַפטען שטראָם, און איך דערמאָהן מיך אן מיינע לאַפּעטעס, אן מיין ציעל, און איך פאַנג ווידער אן צו רודערן צוריק געגען דעם ברעג.

דער ברעג איז גאָט, דער וועג זיינען דיא קבלות, דיא לאַפּעטעס זיינען דער פרייער ווילען וואס מען האט מיר נעגעבען אום, ווען איך וויל, זאָל איך מיט זייא רודערן צום ברעג און זיך פעראייניגען מיט דער גאָטטהייט, אָדער זיך אָבלאָזען צום ווילדען שטראָם. אויף דיעזער ארט האב איך אין מיר דיא לעבענס־קראַפט ווידער ערוועקט, און איך האב נאָך אמאל אָנגעפאַנגען צו לעבען.

## 13.

איך האב אויפגעגעבען דאס לעבען פון מיין איינענער קלאַסע מענשען, ווייל איך האב מיך איבערצייגט, אז דאס איז ניט קיין ריכטיגעס לעבען, דאס זייער איבערפליסיגער לוקסוס פערהינדערט דיא מעגליכקייט צו פערשטעהען וואס לעבען איז, און אום איך זאָל מיין ציעל ערגייכען, מוז איך ניט זיין קיין פּאַראַזיט, קיין אומזיסטיגער פרעסער, זאָנדערן איך דארף פיהרען א לעבען וויא דאס פון דיא ארבייטער־קלאַסען, דאס לעבען וואס בילדעט דיא וועלט, און עס גיבט דיעזע מיינונג וואס דיא ארבייטער־קלאַסען אקצעפּטירען.

דיא איינפאַכע ארבייטס־מענער ארום מיר, איז געוועזען דאס רוסישע פאָלק. איך האב מיך געווענדעט צו דיעזען פאָלק און צו דער בעדייטונג וואס זייא האבען נעגעבען דעם לעבען.

דיעזע בעדייטונג פון לעבען, קען פיעללייכט אזוי אויסגעדריקט ווערען: —

מיר זיינען אלע געקומען אויף דער ערד, דורך דעם ווילען פון גאָט, און גאָט האט אזוי בעשאַפען דיא מענשען, דאס יעדער פון אונז קען ענטוועדער רואינירען אָדער רעטען זיין זעעלע. אזוי וויא דיא אויפגאַבע פון דעם מענשען׳ס לעבען איז, צו רעטען זיין זעעלע, מוז ער לעבען לויט גאָט׳ס וואָרט: צו לעבען לויט גאָט׳ס וואָרט הייסט, אז דער מענש מוז אויפגעבען אלע פערגניגענס אין לעבען, אר־בייטען, זיין אונטערטהעניג, ליידען און זיין גוט צו אלע מעניטען. דאס איז דיא גאַנצע בעדייטונג פון לעבען פיר דעם פאָלק, און אזוי איז געוועזען און איז, לויט וויא דיא פאָרשטעהער פון זייער קירכע לערנען זייא.

דיעזע בעדייטונג איז מיר געוועזען דייטליך און האט דערפרייט מיין הארץ. דיעזער פאָלקס־גלויבען איז אונטערדרעסען געוועזען פערבונדען מיט אזעלכע זאַכען,

וואס מען האט זייא ערשטענס ניט געקענט ערקלערען און צווייטענס וואס האבען מיך אָבגעשטויסען דערפון. איך מיין דערמיט דיא צערעמאָניע פון דער קירכע, דעם פאָסט און דאס נייגען זיך פאר קמיעות מיט בילדער.

דאס פאָלק האט ניט געקענט אָבטהיילען דיעזע זאכען פון דעם גלויבען און אויך איך האב ניט געקענט.

אונגעאַכטעט דארויף וואס פיעלע זאכען, וועלכע האבען בעלאנגט צום פאָלקס־גלויבען, זיינען געווען א ווידערשפרוך צו מיין גראדען פערשטאַנד, האב איך דענגאך אלעס אקצעפטירט; איך בין געגאנגען אין קירכע, געבעטען פריהמאָרגען און אבענד, געהאלטען פאָסט און זיך פאָרבערייטעט זיך מתודה צו זיין פאר'ן גלח. וועהרענד איך האב דאס אלעס געטהאָן, האב איך פלוצלינג ענטדעקט, אז מיין פערשטאַנד האט געגען אלעמען מעהר ניט פראָטעסטירט

אלעס וואס מיר האט פריהער אויסגעזעהען אונמעגליך, האט מעהר ניט ארויס גערופען דעם מינדעסטען ווידערשטאַנד אין מיר.

דער שייכות צווישען מיר און גלויבען, איז געוואָרען א גאנץ אנדערער וויא ער איז אמאל געווען. פריהער האט מיר דאס לעבען אליין אויסגעזעהען פול מיט בעדייטונג, און דער גלויבען איין אונניטצליכער און אונפערנינפטיגער געגענשטאַנד, וואס האט גאר ניט צו טהון מיט לעבען. איך האב אמאל געזוכט צו געפינען דיא בעדייטונג פון גלויבען, און זיך איבערצייגענדיג, אז דאס האט קיין בעדייטונג, האב איך איהם פערשמיסען. יעטצט וויעדער, איז גאר געווען דער געגענטהייל: איך האב געוואוסט פאָזיטיוו, אז לעבען האט קיינע בעדייטונג, און דער גלויבען, אויסער דעם וואס ער איז מיר מעהר ניט ערשיענען אונניטצליך, זאָגדערן ער האט מיר דייטליך געצייגט דורך ערפאהרונג, אז נאָר דורך גלויבען קען איך געפינען דיא בע־דייטונג פון לעבען.

פריהער האב איך בעטראַכטעט דעם גלויבען אלס א ווערטהלאָזע און אונ־פערשטענדליכע פאנטאזיע; יעטצט האב איך איינגעזעהען, אז איך פערשטעה דאס ניט, נאָר דאס האט א בעדייטונג, ווען איך האב בעשלאָסען צו זוכען און געפינען דיא בעדייטונג.

איך האב אזוי געטראַכט:

גלויבען שטאמט, גראדע וויא דער מענש און דער פערשטאַנד, פון דער גע־היימניספאָלער ערשטער אורזאַכע. דיעזע ערשטע אורזאכע איז גאָט, פון וואנען עס פאנגט אן דער קערפער און דער פערשטאַנד פון מענשען. אזוי וויא מיין קערפער האט זיך ענטוויקעלט דורך פערשיעדענע שטופען פון גאָט צו מיר, אזוי האט אויך

מיין פערשטאנד און מיין בעגריף פון לעבען, זיך ענטוויקעלט פון גאָט, און פאָלגליך זיינען דיא שטופען פון דיעזער ענטוויקלונג ניט קיין פאלשע. אלעס אין וואס מענשען גלויבען אויפריכטיג, מוז זיין וואהר; מען קען דאס פערשיעדענארטיג אויסדריקען, דורך פערשיעדענע אופנים, דורך פערשיעדענע מנהגים און צערעמאָניען, אָבער דער תוך איז אונבעדינגט אמת, און פאָלגליך, ווען דאס זעהט בייא מיר אויס ליגען, איז עס נאָר דערפאר, ווייל איך פערשטעה עס ניט.

דאן האב-איך וויעדער אזוי ארגומענטירט:

דיא הויפט אויפגאבע פון גלויבען, איז צו געבען א בעדייטונג פיר דעם לעבען וואס דער טויט קען ניט צערשטערען. דער ענטפער, אין דיעזער בעציהונג, איז שטארק פערשיעדען, ווייל דיא מענשען זיינען ניט גלייך דורך זייער לעבען, ערציהונג, געוואָהנהייט אין לעבען. ווייל דיעזער ענטפער, וואס ווערט פון פיעלע אויף איין אנדערער ארט אויסגעדריקט, איז פערשיעדען, דאריעבער ערשיינט ער דום און לעכערליך. טראָטץ דעם אלעמען, איז ער אָבער איבעראל גלייך, ווייל ער ברענגט צו יעדען, וואס אקצעפטירט דעם ענטפער, דיא בעדייטונג איבער דער לעבענס-פראגע.

פון דיעזען ארט דענקען, בין איך געקומען צו דער פראגע איבער דיא צערעמאָניען פון דער רעליגיאָן אונטער דיא מענשען וואו איך האב מיך געפונען. עס איז מיר אונמעגליך געווען צו אקצעפטירען דיעזע צערעמאָניען, ווייל זייא זיינען געווען נעגען מיין פעדשטאנד, און איך האב ניט געוואָלט זיין א ליגנער נעגען מיין אייגענעם געוויסען. מיין וואונש אָבער, צו זיין איינער פון פאָלק, אונטער דעם פאָלק און מיט דעם פאָלק גלייך, האט מיך געטריעבען דערצו איך זאָל זוכען איין אויסוועג. דערצו האבען מיר שוין געהאָלפען דיא נייע רוסישע טהעאָלאָגען.

לויט דער ערקלערונג פון דיעזע גייסטליכע, זיינען דיא פונדאמענטאלע גלויבענס-ארטיקלען, דיא אונפעהלבארקייט פון דער קירכע. זאָ שנעל וויא מען אקצעפטירט דיעזען גלויבענס-ארטיקעל, פאָלגט שוין באלד דיא נויטהווענדיגקייט, אָנצונעהמען פאר הייליג אלעס וואס דיא קירכע לערענט. דיא קירכע וויעדער, וועלכע בעשטעהט פון א פערזאמלונג פון גלויביגע פעראייניגט אין ליעבע, ווערט אלזאָ דער פונדאמענט פון מיין גלויבען.

דאס איז מיר ניט געווען אזוי לייכט צו אקצעפטירען, נאָר איך האב אזוי ארגומענטירט: דיא וואהרהייט, וועלכע איז אין גאָט און פון גאָט, קען ניט ערייכט ווערען דורך איין מענשען, — דיעזע וואהרהייט מוז עררייכט ווערען דורך דער פעראייניגונג פון אלע מענשען אין ליעבע. אום צו עררייכען דיא וואהרהייט,

דארפען מיר ניט שטעהען איינער דעם אנדערן אין וועג; און אום צו פערמיידען מחלוקה, מוזען מיר בעזיטצען ליעבע איינער פיר דעם צווייטען, און אויף דיעזער ארט ערטראגען און דולדען גאנץ געמיטהליך אפילו אזעלכע זאכען, וואס שטימען מיט אונז ניט איין. דיא וואהרהייט ווערט ענטדעקט אין ליעבע, און אום דיעזע וואהרהייט ניט צו צערשטערען, מוזען מיר אין ליעבע אקצעפטירען אלעס וואס דער גלויבען לערענט.

אזוי האב איך דאמאלס געטענה'עט און ארגומענטירט מיט מיר אליין, אָבער איך האב ניט איינגעזעהען דיא פאלשקייט דערפון. מיין איינציגע אויפגאבע איז געווען, צו גלויבען, און פערשמייסען אָדער אוועק קוקען פון דעם, וואס האט מיך געטריעבען איך זאָל ווידערשפרעכען דיעזען גלויבען.

בעפאָלגענדיג וויא ווייט מעגליך אלעס וואס דיא קירכע בעפעהלט, האב איך מיך נעפיהלט גליקליך, און מיך געזעהען פעראייניגט מיט דיא נשמות פון מיין גע־ליעבטען פאטער, מוטער און גראָס־עלטערן. זייא און אלע פאר זייא, האבען געלעבט און געגלויבט, און מיך געבראכט אויף דער וועלט. איך האב מיך פעראייניגט מיט דיא מיליאָנען מענשען פון פאָלק, וועלכע איך האב געליעבט.

איבערהויפט, האב איך גאר קיין שלעכטעס אין דעם געזעהן, וויל שלעכטעס בייא מיר האט נאָר אויסגעזעהען זיך נאכצוגעבען דיא תאוות פון דעם קערפער.

אין א טאָג בין איך ערשיענען אין קירכע און אנטהייל גענומען ביים הייליגען אבענד־ברויט. פריהער האט יעדער געזאגט: „לאָמיר זיך פעראייניגען אין ליעבע איינער צום צווייטען.“ דאס איז מיר גאנץ גוט געפעלען געוואָרען. אָבער נאכדעם האט נעפאָלגט דער גלויבענס־ארטיקעל אין גאָט, דער זוהן און דער הייליגער גייסט — איך האב דאס אריבער געהיפט, וויל איך האב עס ניט פער־שטאנען.

## 14.

צו יענער צייט איז פאר מיר געווען נויטווענדיג צו גלויבען, דאמיט איך זאל קענען לעבען.

וויא ווייט מעגליך האב איך מיר געזעהען אלעס אין גלויבען ערקלערען, אז דאס האט א טיעפע מיינונג. איך האב מיר זאָגאר פראָבירט צו ערקלערען דיא ווערטער: „געדענקענדיג אונזער הערשענדע דאמע (מאריע), דיא הייליגסטע

מוטער פון גאָט, און אַלע הייליגע, לאָמיר זיך פּאַרבערייטען און איבערגעבען דעם צווייטען, און אונזער גאַנצעס לעבען, צום קריסט גאָט.“

נאָך מעהר, אפילו דיא געבעטע פאַר'ן קייזער מיט דער פאַמיליע האָב איך מיר ערקלערט, אַז זייא זיינען דערפאַר, ווייל זייא זיינען אויסגעזעצט צו מעהר נסיונות וויא מיר געוועהנליכע מענשען. איך האָב מיר אויך ערקלערט דיא געבעטע פיר אַ זיעג איבער אונזערע שונאים, אַז דאָס הייסט אַ זיעג איבער דיא פּרינציפּען פון שלעכטעס, נאָר ווען עס איז געקומען צום אבענד־ברויט און דיא פערהערונג פון דער „בתולה מאריע,“ האָב איך ווייטער ניט געקענט געהען. דאָסזעלבע איז מיר געוועהן מיט דעם גלויבען אין דעם ווידער־לעבעדיג ווערען פון יעזוס'ן א. ז. וו.

איך וועל ניעמאָלס פערגעסען אין דעם שמערצהאַפטען געפיהל וואָס איך האָב געהאַט ווען איך האָב צום ערשטען מאָל, נאָך פיעלע יאָהרען, אנטהייל גענומען ביים הייליגען אבענד־ברויט. ווען איך בין צוגעקומען צום אַלטאַר (מזבח) און דער גייסטליכער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל גלויבען, אַז איך שלינג אַרונטער מיט דיעזען ברויט דעם ווירקליכען קערפּער פון יעזוס קריסטוס, האָב איך געשפּירט אַ שאַרפען שטאָך אין מיין הארצען.

אָבער, וויא דיא זאַך איז, האָט מיך דער גלויבען צוגעצויגען צו זיך און מיר געגעבען נייעס לעבען. איך האָב געפיהלט דעם שטאָך אין מיין הארצען, נאָר איך האָב אַרונטער געשלונגען דאָס ברויט מִיט דעם וואונש צו גלויבען, אַז דאָס איז דער ווירקליכער קערפּער און בלוט פון יעזוס קריסטוס, און איך האָב צו מיר ניט צוגעלאָזען אפילו קיין שפּאָטישען געדאַנק דאַריבער.

איך האָב אונטערדריקט פאָרטגעזעצט און אָבגעהיט דיא מנהגים פון דער קירכע, און איך האָב נאָך אימער געגלויבט, אַז דיא לעהרען וואָס איך האָב אַקצעפּטירט זיינען וואָהר. אָבער דיא צייט האָט אַלעס געענדערט און מיך געפיהרט אויף גאַנץ אַנדערע וועגען.

## 15.

וויא אָפט האָב איך מקנא געוועזען דעם בויער, וואָס קען ניט לעזען און שרייבען און האָט גאָר ניט געלערענט. דיעזעלבע לעהרען פון גלויבען, וואָס האָבען פאַר מיר ענטהאַלטען אונזינן, זיינען בייא איהם ערשיענען אַלס דיא וואָהרהייט זעלבּסט.

ער, דער בויער, האָט אַלעס געקענט אַקצעפּטירען און גלויבען אין וואָהרהייט

דיזעלבע וואהרהייט, אין וועלכער איך האב געגלויבט. ווערהענד בייא מיר, אונ־גליקליכער, איז עס געוועזן דייטליך, אז דיא וואהרהייט איז פערבונדען מיט ליגען, און איך קען דאס אזוי ניט אקצעפטירען מיט מיין בעסטען ווילען.

אין דיעזען צושטאנד, האב איך אבגעלעבט דרייא יאהר. וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, האב פראבירט מיר אלעס צו ערקלערען עס זאל שטימען מיט מיין פערשטאנד, נאר ווען איך האב דאס ניט געקענט, האב איך מיר געזאגט, אז איך פערשטעה עס ניט.

אמת, איך האב איינגעזעהען, אז גאט איז לעבען און לעבען איז גאט; איך האב אנערקענט דיא וואהרהייט פון גלויבען און פערטרויען; איך בין גליקליך געוועזן אין דער וואהרהייט פון ארבייטען און ווירקען אום צו פראדוצירען לעבען, אבער, — איך ווייס ניט, עפעס האט מיך געדריקט און געשטיקט, וואס האט מיך ניט געלאזען רוהען.

נייע אונרוהען, נייע צווייפלען און נייע שמערצען זיינען אין מיר ענטשטאנדען. איך בין אבער טראטין דעם נאך אימער פערבליעבען בייא דער ארטהאדאקסישע קירכע, נאר וואס עס אנבעלאנגט דאס הייליגע אבענד־ברויט, האב איך מעהר קיין אנטהייל גענומען בייא דיעזער צערעמאניע.

דאן איז אין מיר ענטשטאנדען דיא פראגע וועגען דעם שייכות צווישען דער ארטהאדאקסייטע קירכע און אנדערע קירכען. דיא אינטערעסע וואס איך האב דא־מאלס געהאט אין דיא גלויבענס־פראגען, האט מיך געפיהרט דערצו איך זאל בע־קאנטשאפט שליסען מיט דיא פארשטעהער און לעהרער פון פערשיעדענע גלויבענס, וויא קאטאליקען, פראטעסטאנטען, אלטע גלויביגע, נייע גלויביגע און אנדערע. אונטער דיעזע האב איך געפונען מאנכע, וועלכע זיינען געוועזן אויפריכטיגע גלויביגע און אבגעהיט דיא העכסטע מאראליטעט.

איך האב געוואלט ווערען א ברודער פון דיעזע מענשען, אבער וואס איז געוועזן דער סוף? דיא לעהרען, וועלכע האבען מיר פערשפראכען דיא פעראייניגונג פון אלע מענשען אין גלויבען און ליעבע, דורך דיא פערזאנען פון זייערע בעסטע פארשטעהער, האבען מיר באלד בעוויעזען, אז אלעס וואס איך האב צו ערווארטען פון דיעזע לייטע, איז, אויסצובילדען מענשען אין שקר וכזב.

דיא קראפט, וואס גיבט דיעזע לייטע דיא מעגליכקייט צו לעבען, בעשטעהט נאר אין דעם, וואס יעדער איינער גלויבט פאר זיך, אז ער אליין האט נאר דער־טאפט דיא וואהרע אמונה און אלע אנדערע וואנדערן אין אירטהום. דיעזער שקר האט מיך געשווידערט.

איך האָב בעמערקט, אַז דיא אנהענגער פון דער אָרטהאָדאָקסישער קירכע בעטראַכטען אַלע אנדערע, וואס האַלטען ניט פון זייער גלויבען, אַלס אפּיקורסים, גראַדע וויא דיא קאַטאָליקען בעהויפּטען איבער זייא. איך האָב בעמערקט, אַז יעדער איינער בעטראַכט זיין מיט־מענשען, וועלכער אַקצעפּטירט אַנדערע פאָרמען און צערעמאָניען פון גלויבען, אַלס זיין שונא.

דיא אָרטהאָדאָקסישע קירכע טהוט עס, אָבוואָהל זיא זוכט צו בעהאַלטען דעם פאַקט; און עס מוז אַזוי זיין, דען דיא בעהויפּטונג, אַז איך האָב דעם אמת און דוא דעם ליגען, פיהרט דערצו איך זאָל א מיט־מענשען פון א גלויבען מיט איין אַנדערע צערעמאָניע, בעטראַכטען אלס מיין שונא. ווען איינער וואס ליעבט זיינע קינדער, זעהט דאס איין אַנדערער וויל דיעזע קינדער איבעררעדען צו איין אַנדערן גלויבען, מוז ער איהם בעטראַכטען פאַר א שונא.

דיעזע שנאה וואַקסט אַלץ מעהר, ווען מען שטודירט זיך איין אין דיא פאָרמען פון א געוויסען גלויבען.

אויף דיעזער אַרט, האָב איך, וועלכער האט געגלויבט, אַז גלויבען איז געגרינדעט אויף ליעבע, מיך געזעהען אונווילענדיג געצוואונגען אנצוערקענען, אַז דיא לעהרען פון גלויבען צערשטערען אקוראַט דאס, וואס זייא בעהויפּטען צו פרעדיגען און פערברייטען.

אום מיך בעסער צו איבערצייגען דאַריעבער, האָב איך בעזוכט דיא אַרכימאַנדריטען, דיא אַרכיפּרעלאַטען, דיא פּריאָרען און דיא מאָנאַכען, און מיט זייא איינגעטענה'עט אין דיעזער אנגעלעגענהייט. אָבער בלויז איינער פון זייא האט געהאט דעם מוטה מיר מיטצוטהיילען דעם וואַהרען צושטאַנד. נאכדעם האָב איך שוין מעהר קיינע פראַגען געשטעלט.

מיט דיעזען וואס איך האָב געהאט דיא לעטצטע אונטעררעדונג, האָב איך געשפּראָכען איבער דער אידעע, וויא אַזוי אַלע גלויבענס וואָלטען געקענט פעראיינינט ווערען. איך האָב איהם געצייגט א וועג דערצו, דאס הייסט, אַלע מענשען פון אַלע גלויבענס, זאָלען איינשטימען איבער דעם הויפּט־פּונקט פון גלויבען, וועלכער בערוהט אויף גלויבען אין א גאָט וואס איז א בעל־רחמים, וואס ליעבט אַלע מענשען גלייך, וואס פערלאַנגט יושר, גערעכטיגקייט און מאָראַליטעט, און וואס עס אנבעלאַנגט דיא צערעמאָניען פון גלויבען, זאָל יעדער מענש טהון וויא ער וויל.

דער גייסטליכער האט מיר מודה געווען, אַז דאס איז ניט מעהר וויא רעכט, אָבער, דאס קען ניט זיין, וויל עס וועט הייסען, אַז דיא גייסטליכע אָדער פאָרשטעהער פון דיא רעליגיאָנען, פערלאָזען דיא קבלות און גרונד־פּרינציפּען פון זייערע רעליגיאָנען.

דאַן האָב איך אַלעס פערשטאַנען. איך בין געגאַנגען זוכען א גלויבען, וואס זאָל זיין דער צייל פון לעבען, און וועלכען אַלע מענשען זאָלען זיך קענען גלייך אָנשפּאַרען, וועהרענד דיעזע מענשען, דיא פאָרשטעהער פון דיא רעליגיאָנען, זוכען נאר צו ערפיללען געוויסע קאַפּריזען און מיינונגען לויט וויא געוועהנליכע מענשען

טהון. וויפיעל זייא זאָלען רעדען און פּרעדינען איבער ליעבע, מיטלייד, און ערבארמען פיר דיעזע וואס גלויבען ניט אין זייערע אמונות, מוז ענטשטעהען דיא צוואנג־קראפט פון דעם שטאַרקען איבער דעם שוואכערן.

וואס קען מען טהון מיט דיעזע, וועלכע רעדען איבער אזעלכע קינדער איבער־צונעהען צו זייער גלויבען? דער איינציגער ענטפער דארויף איז, לויט דיא צר שטענדען, אָבצושניידען זייערע קעפּ אָדער זייא ארייןווארפען אין געפענגנים.

צור צייט פון אלעקסיי מיכאילאָוויטש, האט מען דאפיר פערברענט מענשען; מיט איינעם וואָרט, מען האט דאמאלס אָנגעווענדעט דיא שטרענגסטע שטראפע געגען דיעזע וואס האבען געהאט אנדערע צערעמאָניען און גלויבען, און צו דער געגענוואַרט פאסירט דאסזעלבע, דאמיט וואס מען שיקט אוועק מענשען צו איינ־זאמער געפענגנים־שטראפע.

ווען איך האב מיך ארום געקוקט און געזעהען אלעס וואס מען טהוט אין נאמען פון רעליגיאָן, האב איך אויפגעשוידערט, און איך האב מיך בייגאהע גענצליך צוריק געצויגען פון דער אָרטהאָדאָקסישער קירכע.

דער צווייטער פּונקט וואס האט מיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען, איז געווען דיא בעדייטונג פון דער קירכע מיט מלחמות און היגריכטונגען. עס איז געווען דיא צייט פון דעם קריעג אין רוסלאנד. רוסען האבען געמאָרדעט זייערע ברידער אין נאמען פון קריסטליכער ליעבע. ניט אזוי צו דענקען, איז געווען אונמעגליך. ניט איינצוזעהען, אז מאָרדען איז א שלעכטע זאך און איז געגען דיא ערשטע פּרינציפּען פון יעדען גלויבען, איז געווען אונמעגליך.

אין דיא קירכען ווידער, האבען מענשען אונטערדעסען געבעטען גאָט פיר דעם ערפאָלג פון אונזערע אַרמעען, און דיא לעהרער פון רעליגיאָן האבען אקצעפּ־טירט דיעזע מערדערייען, אלס טהאטען וואס זיינען דיא פאָלגען פון גלויבען.

ניט נאָר מאָרד אין אקטיווען קריעג איז בעשטעטיגט געוואָרען, זאָנדערן אויך וועהרענד דיא אונרוהען וואס האבען געפאָלגט, האבען דיא פאָרשטעהער פון דער קירכע, איהרע לעהרער, איהרע מאָנאכען און איהרע נזירים, בעשטעטיגט, אז מען מעג ערמאָרדען דיא פעראיררטע און הילפלאָזע יונגע מענשען. איך האב מיך ארום געקוקט און געזעהען אלעס וואס מענשען טהון, וועלכע בעהויפּטען צו זיין קריסטען, און עס האט מיך געשוידערט.

## 16.

פון דיעזער צייט אן, האב איך אויפגעהערט צו צווייפלען, און איך בין געווען פאָלקאָמען איבערציינגט, אז ניט אלעס וואס דער גלויבען, וועלכען איך האב אָנגע־נומען, איז וואהר. אמאל וואָלט איך געזאגט, אז אלעס אין דיעזען גלויבען איז פאלש, נאָר יעטצט האב איך עס מעהר ניט געקענט טהון.

אז דיא מענשען פון פאָלק, האבען עפּעס געוואוסט פון וואהרהייט, איז קיין צווייפעל, דען זייא וואָלטען אַנדערש ניט געקענט גלויבען. איבערהויפּט, האב איך דיעזע וואהרהייט שוין געקענט, ווייל איך האב אין איהר געלעבט, אָבער אין

דערװעלבער צייט האב איך געמוזט איינזעהען אויף דיא פאלשקייט. דאריבער האב איך אויך ניט געקענט צווייפלען.

פון וואנען אלזאָ איז געקומען דיעזע וואהרהייט און דיעזע פאלשקייט?ביידע, דאס הייסט, דיא פאלשקייט און דיא וואהרהייט, איז געקומען פון דאָרט וואס מען רופט קירכע; ביידע געפינען זיך אין דיא זאָגענאנטע הייליגע קבלות און ספרים.

דאס האט מיך ווייטער געפיהרט דערצו איך זאָל אנפאנגען צו שטודירען דיא טהעאָלאָגיע (רעליגיאָנס־לעהרע,) וועלכע איך האב אין דער פערגאנגענהייט פערשמיסען אלס איין אונניטציגע זאך.

איך האב בעשלאָסען ארוים צו זוכען דיא וואהרהייט פון צווישען דער גרויסער מאסע פאלשקייטען. איך האב דערפאר אָנגעפאנגען צו שטודירען אלעס אין זיינע איינצעלהייטען.

אָבער עס איז מיר יעטצט אונמעגליך געווען אלעס צו ערקלערן, ווייל איין ער־קלערונג פון דעם גאנצען, איז גראדע וויא דער אנפאנג פון אלע זאכען, וועלכעס איז דיא אונענדליכקייט.

איך האב בלויז געוואָלט גרייכען צו דער גרענעץ, וואו דאס אונפערשטענד־ליכע פאנגט אָן; איך האב געוואָלט, אז אלעס וואס בלייבט אונפערשטענדליך, זאָל אזוי בלייבען, ניט ווייל דער מענשליכער גייסטעס־וואונש איז ניט נייגיעריג צו וויסען, זאָנדערן ווייל איך האב שוין גוט געקענט מיין פערשטאנד וואו ער שטעלט זיך אָב און קען ווייטער ניט געהען.

מיין אויפגאבע איז בלויז געווען, אָבצוטהיילען, וויא ווייט מעגליך, דעם אמת פון דעם שקר. דאס האב איך אָנגעפאנגען צו טהון. וואס איך האב געפונען פאר פאלש און וואהר, און צו וואס פאר א רעזולטאט איך בין געקומען, האב איך אויפ־געשריעבען א צווייטעס בוך („מיין רעליגיאָן") דאפיר. ווען דאס וועט עפעס ווערטה זיין, און ווען דאס וועט עפעס קענען נוטצען ברענגען, וועט עס אמאל פובליצירט ווערען.

— — — — — — — — —

דאס, ביז דאנען, האב איך מיט דרייא יאָהר צוריק אויפגעשריעבען, אין 1879. מיט א קורצער צייט צוריק האב איך דורכגעקוקט מיינע כתבים און אויך דאס איבערגעלייענט. איך האב בעטראכט דעם שטראָם פון מיינע געדאנקען, וויא איך האב דאס דאמאלס אויפגעשריעבען, און איך האב אלעס געפונען אלס א ריכטיגע שילדערונג פון מיין טראכטען, צווייפלען, דענקען און בעשליסע.

דאס אלעס האט אין מיר אויפגעפרישט דיא עראינערונג פון אמאל, און דורך א אורזאכע פון בעשעפטיגען זיך מיט דיעזע געדאנקען, האב איך געהאט א חלום.

דיעזער חלום האט פאר מיר ווידערהאָלט, אין א קורץ־געפאסטער פאָרמע, דיא גאַנצע פערגאנגענהייט וואס איך האב בעשריעבען.

איך דענק דערפאר, אז א בעשרייבונג פון דיעזען חלום, וועט פיר דיעזע, וואס

האבען מיך פערשטאנען, ניטצען אום נאך דייטליכער צו בעגרייפען מיינע אידעען. דאס וועט זייא אויך דערמאָהנען אן דער גאַנצער רייהע געדאנקען, וועלכע איך האב פערוואנדעלט אין ווערטער, און זייא וועלען קענען זעהען דאס גאנצע וואס איך האב געוואָלט און געציעלט, און וועלכעס איך האב אזוי באריכות בעשריעבען אין דיזען בוך.

דער חלום איז געווען פאָלגענדער:

מיר האט זיך געדאכט, אז איך ליעג אין א בעט און איך פיהל ניט איבריג גוט און בעקוועם, און אויך ניט דעם געגענטהייל, דאס הייסט, שלעכט אָדער אונבעקוועם.

איך האב אָנגעפאנגען צו קלערען, אויב עס איז גוט פאר מיר אזוי צו ליעגען. וויא דיעזער געדאנק איז נאָר אריין אין מיין קאָפּ, האב איך באלד געשפירט עפּעס אונבעקוועמעס בייא מיינע פיס. אויב דאס בעט איז געווען צו קורץ, אָדער גלאט שלעכט געמאכט, האב איך ניט געוואוסט; איך האב בלויז בעגריפען, אז עפּעס איז ניט ריכטיג.

איך האב אָנגעהויבען צו ריהרען מיט מיינע פיס, און איך האב אויך אָנגע־פאנגען צו דענקען וואו איך ליעג אין גאנצען, וועלכעס האט מיך ביז דאמאלס נאך קיינמאל ניט בעאונרוהיגט.

איך האב עקזאמינירט מיין בעט און געזעהען, אז איך ליעג אויף א נעטיך־ווערק פון שטריק צוגעבונדען ארום בייא דיא זייטען פון דעם בעט. מיינע פּאַ־דעשוועס זיינען געלעגען אויף א בעזונדערן טהייל, מיינע פּאָלקעס אויף א צווייטען טהייל, און דאס איז מיר געווען אונאנגענעהם.

עפּעס האט זיך מיר געשפּירט, אז מען קען בעוועגען דיא שטריק, און מיט מיינע פיס, האב איך אָנגעפאנגען דיא שטריק צו בעוועגען און אוועק שטופּען, און מיר האט זיך געדאכט, אז אזוי וועט עס בעסער זיין.

אָבער איך האב דיא שטריק צו וויט אויסאנאנדער געשטופּט. איך האב זייא געוואָלט ווידער אָנכאפּען מיט מיינע פיס, אָבער דאס האט פעראורזאכט, וואס נאך א שטריק, פון הינטער מיר, האט מיך אוועק געשטופּט, און מיינע פיס זיינען געבליעבען הייננען.

איך האב בעוואוגען מיין קערפּער אום מיך ווידער גלייך צו לייגען, מיט דער איבערצייגונג, אז אזוי וועט עס בעסער זיין, אָבער דיעזע בעוועגונג האט פּער־אורזאכט, וואס נאך שטריק האבען זיך ארויס געגליטשט פון אונטער מיר, און איך האב בעמערקט, אז מיין צושטאנד איז נאך ערגער געוואָרען; מיין גאנצער קערפּער האט אָנגעהויבען צו זינקען און מיינע פיס האבען ארונטער געהאנגען, אָהנע צו בעריהרען דעם באָדען.

איך האב מיך אָנגעהויבען צו צוהאלטען בייא דער העכערער זייט פון בעט, און איך האב ניט נאָר געפיהלט אונבעקוועם, זאָנדערן אויך עפּעס שוידערהאפטעס.

יעטצט האב איך מיך אָנגעהויבען צו פרעגען אזעלכע זאכען, פון וועלכע איך

האב גאר פריהער ניט געדענקט. איך האב מיך געפרעגט וואו איך בין און אויף וואס איך ליעג.

איך האב אָנגעפאנגען מיך ארום צו קוקען, און צום ערשטען מאל האב איך ארונטער געקוקט אהין, וואו מיין קערפער איז נאכגעהאנגען און געהאלטען אין זינקען. קוקענדיג ארונטער, האב איך גאר ניט געקענט גלויבען מיינע אויגען וואס איך האב געזעהען.

איך האב מיך ערבליקט פיעל העכער וויא דער העכסטער טהורם אָדער בארג, אזא הויכקייט וואס האט איבערגעשטיעגען אלע מיינע פריהעריגע בעגריפע.

עס איז מיר אונמעגליך צו פאסען א געטריען בעגריף, אויב איך זעה עפּעס אָדער ניט דאָרט אונטען. איך האב בלויז בעגריפען, אז איך הייגג איבער א שרעק־ליכען תהום, און עס ציהט מיך אהין אימער וועהרענד, אום אריין צו פאלען.

ארונטער צו קוקען, איז געווען שרעקליך. איך האב געשפירט, ווען איך וועל קוקען ארונטער, וועל איך מיך אויסגליטשען פון דעם לעטצטען שטריק און פאלען.

איך האב אויפגעהערט צו קוקען. אָבער ניט קוקען, איז נאך פיעל ערגער, וויל דאמאלס דענק איך, וויא שרעקליך דאס וועט זיין, ווען דער לעטצטער שטריק וועט זיך איבעררייסען.

איך האב געשפירט, אז אין מיין שרעק, וועל איך פערלירען דאס לעטצטע ביסעל קראפט, און מיין רוקען זינקט אלץ ניעדריגער און ניעדריגער. נאך איין אויגענבליק, און איך וועל זיין אונטען!

דאן איז צו מיר פלוצלינג געקומען דיא אידעע, אז דאס אלעס קען ניט זיין וואהר, און עס איז בלויז א חלום; איך מוז ערוואכען.

איך האב געקעמפּפט מיט מיר זעלבסט אום צו ערוואכען, אָבער איך האב ניט געקענט.

„וואס זאל איך טהון?" האב איך מיך געפרעגט. וועהרענד דיזער פראגע האב איך געקוקט ארויף.

איבער מיר האט זיך אויסגעברייטעט איין אנדערער תהום — דער תהום פון אונענדליכקייט. איך האב געקוקט ארויף און געזוכט צו פערגעסען אן דעם תהום אונטער מיר, און דאס איז מיר געלונגען.

דערפון האב איך בעמערקט, אז דיא אונענדליכע טיעפקייט, אונטער מיר, שרעקט און שווינדערט מיך, וועהרענד דיא אונענדליכע הויכקייט, איבער מיר, טרייסט און שטעלט מיך צופריעדען.

איך בין נאך אימער געהאנגען אויף דעם לעטצטען שטריק וואס האט זיך נאך ניט אויסגעגליטשט פון אונטער מיר. איך האב געוואוסט פון מיין צושטאנד, אז איך הייגג נאָר אויף איין שטריק, אָבער זוכענדיג צו קוקען נאָר ארויף, איז דער שרעק פון מיר פערשוואונדען.

וויא עס פּאסירט אין חלומות, אזוי האב איך אויך געהערט א שטימע אויסשרייען:

„בליק גוט! דאָרט איז עס!"

איך האב געבליקט ווייטער און ווייטער אין דער אונענדליכקייט איבער מיר, און איך האב געשפּירט, אז עס בערוהיגט מיך.

איך געדענק וויא אַלעס איז געשעהען — וויא אַזוי איך האב בעוואוינען מיט מיינע פיס, וויא איך בין געהאָנגען אין דער לופט, וויא עס האט מיך געשווינדערט, און וויא אזוי איך האב מיך גערעטעט פון דיעזע שרעק, קוקענדיג ארויף.

איך האב מיך געפרעגט: „וויא אַזוי הייננ איך ניט נאך איצטער וויא פריהער?"

איך האב אָבער געשפּירט אין אַלע מיינע גליעדער, אָהנע צו קוקען, דעם שוטין אן וועלכען איך האב מיך פעסט געהאַלטען.

איך האב אויך בעמערקט, אז איך הייננ ניט און פאַל ניט, זאָנדערן איך האַלט מיך פעסט. איך האב מיך געפרעגט וויא אַזוי דאס איז וואס איך האַלט מיך אַזוי פעסט.

איך האב געטאַפּט, זיך ארום געקוקט, און איך האב געזעהען, אז אונטער מיין מיטעל-קערפּער, געפינט זיך א זייל, און בליקענדיג ארויף, האב איך בע־מערקט, אז איך ליעג אויף א גלייכנעוויכט, און בלויז דיעזער זייל אליין, האט מיך אויך פריהער פעסט געהאַלטען.

אזוי וויא עס פּאַסירט אין חלומות, איז דיא זייל וואס האט מיך פעסטגע־האַלטען, מיר פאָרגעקומען גאַנץ נאַטירליך, א זאך וואס מען קען לייכט בעגרייפען, און אן וועלכען מען דאַרף ניט צווייפלען, אונגעאַבטעט דארויף וואס דיא גאַנצע זייל האט קיין בעדייטונג פאַר מיר ווען איך ערוואך.

אין מיין שלאָף, בין איך זאָגאַר געווען ערשטוינט, וואס איך האב דאס אלעס פריהער ניט פערשטאַנען.

נעבען מיין בעט, שטעהט אויך א זייל, גאַנץ פעסט, און איבער דער פעסט־קייט, איז גאר ניט צו צווייפלען, אָבוואָהל איך בעמערק קיין זאך אויף וואס דאס שטעהט. פון דיעזער זייל שטעקט ארויס א שטריק, עפּעס אזוי ביטרע און דאָך איינפאַך אויסגעאַרבייטעט, און ווען איך לייג זיך אויף דיעזען שטריק און בליק ארויף, הערט אויף יעדער צווייפעל און יעדע פראַגע פון פאַלען.

דאס אַלעס איז מיר געווען קלאָר און דייטליך, און עס האט מיך געפרייט, און מיין גייסט איז בערוהיגט געוואָרען. עס האט אויסגעזעהען גליך וויא יעמאַנד וואָלט מיר געזאָגט:

„זעה, דאַמיט דו זאָלסט דאס געדענקען!"

און איך האב ערוואַכט.

1882. לעאָ נ. טאָלסטאָי.

...NIZED ...h, 1908.

ע נ ד ע

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

שלום עליכם פאלקס ביבליאטעק פעראיין
טאראנטא

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**THE MULTICULTURAL
HISTORY SOCIETY
OF ONTARIO**

3 1761 05058633 8

BV
4501
T619
1882
c. 1
ROBA